STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08180

MIRELE UN ANDERE DERTSEYLUNGEN

Cyla Levanon

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

צילה לבנון / מירעלע

צילה לבנון

מירעלע

און אנדערע דערציילונגען

Cyla Levanon

*

MIRELE

©

הוצאת י. ד. ל.

Tel-Aviv 1972 תל־אביב

דפוס „אורלי", תל־אביב

ג ע ו ו י ד מ ע ט

אונדזערע עלטערן, שוועסטער און
ברידער און זייערע משפחות, אומ־
געבראַכטע אין וואַרשעווער געטאָ.

אינהאַלט

מירעלע — — — — — — — — 11
זכרונות פון אַ קראַנקן־שוועסטער — — — — 35
דאָס סטאָוקע־געסל — — — — — — — 44
שלש־סעודות ביים רבין — — — — — — 47
אסתרקע — — — — — — — — 51
דאָס שטעטל קאַלאַביעל — — — — — — 55
אַ בלימל אויף אַן אומבאַקאַנטן קבר — — — — 58
שרהלע — — — — — — — — 62
מינסק־מאַזאָוויעצק — — — — — — 66
חיים זרח פּאָרט אויף חופש — — — — — 70
אַ שפּאַציר קיין אילת — — — — — — 76
אַ סדר־נאַכט אין אַ צה״ל־מחנה — — — — 80
אַ חתונה אין שטאָט — — — — — — 83
טאַטע־מאַמע צו גאַסט ביים זון אין נגב — — — 87
דער לעצטער סדר — — — — — — — 91

דאָס יידישע לעבן אין שטעטל און דער טרוים וועגן אַ נאַציאָנאַלער היים אין לאַנד פון די אָבות זענען די עיקר־מאָטיוון אין כמעט אַלע דערציילונגען, בילדער און סקיצן, וואָס זענען אַריין אינעם בוך.

גורלדיקע פאַרבינדונג צווישן „דאָ" און „דאָרט" — גלות און גאולה — אין די בילדער פון יידישן לעבן אין פוילן ערב דעם שוידערלעכן חורבן („מי־רעלע", „אסתרקע", „זכרונות פון אַ קראַנקן־שוועס־טער" א"אַנד), און מקורותדיקע באַהעפטונג מיט די גייסטיקע ווערטן פון דורות יידישן שאַפן — אין די דערציילונגען פון ישראל־לעבן („אַ חתונה אין שטאָט", „טאַטע־מאַמע צו גאַסט ביים זון אין נגב" א"אַנד).

צילה לבנון איז אַ געניטע דערציילערין. אירע שילדערונגען פאַרמאָגן די מעלה פון צימצום און פשטות, זענען רעאַליסטיש, אויסדרוקספול און נאַ־ראַטיוו, אָנגעלאָדן מיט דערהויבענער ליבע צום פשוטן יידישן מענטש.

י. ל.

מירעלע

די געשיכטע האָט פּאַסירט אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען הערש־דוד, אַ ייד פון אַן אָנגעזעענער וואַרשעווער משפּחה און אַ מיוחס פון די גערער חסידים, איז פּלוצים קראַנק געוואָרן, בעת אַ טיפוס־עפּידעמיע. הערש־דוד איז דעמאָלט אַלט געווען סך־הכל צוויי און דרייסיק יאָר און שוין געווען אַ טאַטע פון זעקס פּיצלעך קינדער. ווען ער האָט דערפילט, אַז עס דערנעענטערט זיך דער טויט, האָט ער צוגערופן צום בעט לאהן, זיין ווייב, און איר אָנגעזאָגט, למען השם, אַז אין יאָרן אַרום, ווען די קינדערלעך וועלן דערוואַקסן ווערן און עס וועט האַלטן ביי שידוכים זאָל זיך זיי קיינער נישט שטעלן אין וועג; ווּעמען דאָס קינד וועט זיך אויסקלייבן פאַר אַ זיווג, זאָל זי, לאה, מסכים זיין.

אין איינעם אַ שבת פאַרנאַכט, פאַר די ימים נוראים, ווען יידישע הערצער ציטערן פון אומעטיקע סליחות, איז הערש־דוד אויסגעגאַנגען. לאה איז שוין אָבער ביי זיין בעט נישט געווען. אויך זי, ווי עטלעכע פון די קינדער, זענען קראַנק געוואָרן אויף טיפוס. לאהן האָט מען צוגענומען אין שפּיטאָל און די קינדערלעך זענען געלעגן אין שטוב. די געזונטע קינדער האָבן זיך אַרומגעדרייט

אין שטוב ווי שעפּעלעך אָן אַ פּאַסטעך און ס'איז נישט געווען ווער עס זאָל זיך מיט זיי מטפּל זיין.

צו דער לוויה פון הערש־דודן זענען געקומען די שענסטע חסידישע יידן פון גזשיבאָוו און טוואַרדע, וועלכע האָבן נישט געלאָזט, מען זאָל אים פירן מיט דער עגלה, נאָר ווי דער מנהג ביי חסידים — אים געטראָגן. פון דער נאָענטסטער משפּחה זענען נאָך דער לוויה נאָכגעגאַנגען דער שווער ר' שלום, וואָס האָט געפירט ביי דער האַנט הערש־דודס פיר־יעריק זונעלע, שימעלען. ווען דער זיידע האָט איבערן פרישן קבר געזאָגט צו שימעלען:

„זאָג, שימעלע, ,יתגדל ויתקדש'" האָט דער עולם געוויינט און עס האָבן געוויינט די נאַקעטע ביימער אויפן בית־עולם און די גראָע מצבות. ר' שלום האָט דאָך געשטאַרקט זיין צעבראָכן

האַרץ און באַלד נאָך דער לוויה אַוועק צו לאהן אין שפּיטאָל אַריין. ווען די טאָכטער האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף הערש־דודן, האָט ר׳ שלום אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און געזאָגט, אַז ער דאַרף גרויס רחמים.

אין טאָג ווען מען האָט לאהן אויסגעשריבן פון שפּיטאָל האָט ר׳ שלום באַפוילן, מען זאָל זי פירן צו אים, כלומרשט האָט געהייסן, אַז מען קען זי נישט אַהיימפירן, וואָרום אין שטוב זענען נאָך דאָ קראַנקע און עס וועט נישט זיין, ווער עס זאָל זיך פאַרנעמען מיט אַלע.

יעדן פאַרטאָג פלעגט דער זיידע אויפוועקן דאָס פיר־יאָריקע אייניקל צו זאָגן קדיש. אין גאַס איז נאָך געווען שטאָק פינצטער. דאָס קינד האָט געקלעפּט צום קישן, געוואָלט שלאָפן, און די מוטער האָט געוויינט, וואָס מען רייסט אַרויס דאָס קינד אזוי פרי. געזאָגט האָט ר׳ שלום, אַז דאָס וועקט ער דאָס קינד צו סליחות. און לאה האָט געזיפצט, אַז ווען דער טאַטע זייבער זאָל דאָס זען, וואָלט ער זיכער דערצו נישט דערלאָזט.

דער זיידע האָט באַהאַלטן די טרערן צווישן זיינע געדיכטע ברעמען, וואָס זענען אים אַריבערגעוואַקסן איבער די אויגן. און אַזוי האָט עס זיך איבערגעחזרט יעדן פאַרטאָג.

איין מאָל, אין אַ פרייטיק צו נאַכטס, האָט זיך לאה אויפגע־כאַפּט פון שלאָף מיט אַ יאָמער, אַז זי האָט געזען אין חלום ווי איר הערש־דוד שטאַרבט. זי האָט זיך געריסן אַהיים, אָבער דער פאָטער האָט זי באַרואיקט. הערש־דוד איז נאָך שוואַך. מאָרגן, איבער מאָרגן וועט זי אַהיימפאָרן. לסוף האָט מען שוין מער נישט געקענט באַהאַלטן דעם אמת און מען האָט לאהן אַהיים געפירט.

פון די צימערן האָט געטראָגן מיט אומעט און פאַרלאָזנקייט. יעדעס ווינקעלע האָט דערציילט וועגן אַ לעבן, וואָס איז מער נישטאָ. די שבתדיקע מלבושים, די זאַכן, צו וועלכע הערש־דוד האָט זיך

צוגעריר האָבן דערציילט מעשיות וועגן אַנדערע, פאַרלאָפענע יאָרן, אָבער די צייט האָט געמילדערט דאָס אומגליק. די קינדער זענען געווען איר טרייסט.

דער גייסטיקער דערציער פון די קינדער איז געווען לאהס פאָטער, ר׳ שלום, אַ וועלטלעכער ייד, — איינער פון די אַנגעזעענע סקערניעוויצער חסידים און מיט אַ ברייטער האַנט. ער האָט פאַרשטאַנען די קינדערס נשמות. אַליין האָט ער שוין געהאַט אויסגעגעבן אַלע זיינע קינדער, די טעכטער האָבן שוין גענומען וועלטלעכע מענער. האָט ער זיך בלב ובנפש גענומען דערציען דוד־הערשס קינדער, וואָס זענען געווען ביי אים ווי לייבלעכע קינדער, וואָרום אויסער דעם, וואָס דאָס זענען געווען זיינע אייניקלעך, האָט ער שטאַרק ליב געהאַט דוד־הערשן. פונעם אומגליק איז ער שטאַרק פאַרעלטערט געוואָרן אָבער די כוחות האָבן זיך געהאַלטן אין אים; די כוחות האָט ער געגעבן פאַר דער דערציונג פון די אייניקלעך.

אין אָט דער סביבה איז אויפגעוואַקסן מירעלע. אין איר זכרון האָבן זיך אָפּגעזעצט די שווערע בילדער פון אירע קינדער־יאָרן.

מירעלע, די עלטסטע טאָכטער אין שטוב, איז געווען אַן ערנסט מיידל, דורכגענומען מיט חלוצישער ראָמאַנטיק, וואָס האָט זיך געהאַט אַריינגעריסן אין באַלעבאַטישע הייזער. אָבער איר בענקשאַפט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל און העלפן בויען דאָס לאַנד האָט זיך אויפגעלייזט אינעם שטאַרקן געפיל פון צוגעבונדנקייט צו דער מוטער, וועלכע מירעלע האָט תמיד געזען אַ ליידנדיקע. מירעלע האָט געוואָלט ברייטע וועלטן און זיך געמוזט באַגנוגענען מיט דער באַגרענעצטער אַרבעט אין דער אָרגאַניזאַציע, כאָטש די אַרבעט האָט איר פאַרשאַפט פאַרגעניגן.

צו יענער צייט איז זי געווען גלייכגילטיק צום דערפאָלג,

וואָס זי האָט געהאַט ביי אירע חברים. זי האָט אַפילו געוווסט, אַז אַ זון פון די שכנים, אַ חסידישער בחור, ליבט זיך אין איר. זי האָט די געפילן פון לייבושן אָנגענומען מער אַלס נייגער איידער ווי דאָס איז איר געווען נוגע. לייבוש האָט געהערט צו די חסידישע בחורים, וואָס זענען פאַרכאַפּט געוואָרן פון די סאָציאַליסטישע אידייען. ער איז געווען אַ למדן און אונטער דער אויסערלעכקייט פון חסידות האָט ער באַהאַלטן אַ טיפע באַהאַוונטקייט אין דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור. אונטער זיינע שטורמישע און ראָמאַנ־טישע לאָזונגען וועגן אַרבעטער־באַפרייאונג און רעוואָלוציע איז געלעגן אַ גרויסע ליבע צו מירעלען, אַ ליבע, וואָס נאָר פרויען קענען דאָס פילן. לייבוש פלעגט אָפט אַריינקומען צו מירעלען, באַ־האַלטענערהייט האָט ער איר געברענגט אינטערעסאַנטע ביכער און אין אָנוועזנהייט פון לאהן, מירעלעס מוטער, קיינמאָל נישט גערעדט וועגן זיינע אידייען, ווייטער אָנגעגאַנגען ווי דער חסידישער יונגערמאַן.

לאה האָט טיף געהאַלטן, אַז לייבוש איז אַ זיווג פאַר מירעלען, וואָרום אויסער זיין למדנות איז ער געווען אַ שיינער און סאָלידער בחור, אָבער מירעלע האָט מורא געהאַט פאַר זיין צעריסנקייט און עס זענען איר נישט געווען צום האַרצן זיינע רייד.

איינמאָל, אין אַ שבת־צו־נאַכטס, שפּאַצירנדיק מיט אירס אַ קוזין, האָבן זיי צופעליק באַגעגנט דעם קוזינס אַ חבר. און געשען איז אַזוי, אַז דער קוזין האָט זיך אָפּגעזעגנט און מירעלען איז עפּעס מאָדנע גוט געווען צו בלייבן אין דער געזעלשאַפט פון דעם נייעם באַקאַנטן. זיין נאָמען — דוד — האָט איר דערמאָנט אָן דעם נאָמען פון איר פאָטער, וועלכן זי האָט געדענקט מיט אַזאַ ליבשאַפט; כאָטש נאָר־וואָס אַרויס פון דער ישיבה איז דוד געווען שטאַרק דורכגענומען מיט ארץ־ישראל, מיט חלוציזם. ער האָט געהאַט פאַרבענקטע אויגן און אַזאַ נאָענטן בליק. מירעלען איז גוט געווען

צו בלייבן מיט אים דעם אָוונט און צוזאַמען אויסשפּאַנען די גאַסן. עס איז איר געפעלן זיין לעבנס־פילאָזאָפיע, זיינע מיינונגען וועגן פאַמיליע־לעבן און זיין בענקענדיקע נשמה...

מירעלע און דוד האָבן זיך אָנגעהויבן טרעפן יעדן אָוונט. זיי זענען זיך געוואָרן נאָענט, עס האָט זיך פאַרבונדן צווישן זיי אַ ליבשאַפט. ביז איינמאָל אין אַן אָוונט קומט דוד אַ צעפלאַמטער און זאָגט אַן מירעלען, אַז ער האָט באַשלאָסן צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. דעמאָלט איז מירעלע אַלט געווען אינגאַנצן זעכצן יאָר, נאָך כמעט אַ קינד, זיך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון פון בענקשאַפט. האָט זי זיך באַגייסטערט מיט דודס באַשלוס. „איך וועל בענקען — האָט זי געזאָגט — אָבער איך וועל זיך צוגעוווינען".

האַרט פאַר דודס אַוועקפאָרן האָבן זיי איינמאָל אין אַ קילער זומער־נאַכט שפּאַצירט אין דער גרויסער שטאָט, די לבנה האָט זיי באַגלייט אויף טריט און שריט, קוקט אַרויס פון צווישן דעכער און ווינקלען, די נאַכט־וועכטער גייען זיך לאַנגזאַם פאַרביי קלאַפּנדיק מיט די שטעקנס, ערגעץ ביי אַ טויער קלינגט דער גלאָק, אַ פאַרשפּעטיקטער שיכור הוידעט זיך איבער די גאַסן, אַמאָל אַהין אַמאָל אַהער, איבער דעם טורעם פון אַ קירכע איז געבליבן הענגען אַ שטיקל וואָלקן און רירט זיך נישט. מיט די לאַנגע און ברייטע ביינאַכטיקע גאַסן זענען ביידע צוגעקומען צו מירעלעס טויער.

— מיר גלוסט זיך נישט שיידן מיט דיר — זאָגט נישט־דרייסט דוד.

מירעלע שמייכלט גליקלעך. זי האָט אַ קוק געטון אויפן זייגערל און דוד האָט אָנגענומען איר האַנט. זי האָט אויפגעציטערט מיט אינערלעכער פרייד. דוד האָט געהאַלטן איר האַנט אַזוי, ווי מען באַקומט אַריין דאָס גליק און מען האָט מורא, ס'זאָל ניט פאַר־שווינדן. און זיי האָבן ווידער שפּאַצירט דורך פּלעצער און גאַסן,

זיי גייען נאָענט צו זיך און שווייגן. מירעלע וואָלט איצט וועלן לייענען דודס געדאַנקען, זי קוקט אויף אים זייטיק און וואַרט אויף זיין וואָרט, אָבער דוד איז פאַרטראַכט, פאַרטראָגן אין זיך.

— פאַרוואָס שווייגסטו אַזוי, דוד? — פרעגט ענדלעך מירעלע.

דוד שמייכלט מיט אַן אָפן פּנים:

— עס איז מיר אַזוי גוט, מירעלע, אַז איך האָב מורא פאַר ווערטער. איך וויל נאָר גיין נעבן דיר און אומאיבעררייסלעך האָבן דאָס איצטיקע געפיל...

מירעלע האָט געוואָלט הערן, אַז ער האָט זי ליב, זי האָט געוואָלט, ער זאָל דאָס זאָגן הויך אויפן קול, אַלץ אַרום זאָל דאָס הערן, אָבער דוד האָט זיך געשעמט אַרויסצוזאָגן די ווערטער און ביים געזעגענען זיך מיט איר האָט ער זיך געשעמט אַ קוש צו טאָן איר אין פּנים, האָט ער אָנגעכאַפּט איר הענטל און לאַנג, לאַנג געקושט. מירעלען האָט פאַרקלעמט דאָס האַרץ, זי האָט מורא פאַר דער געזעגענונג און האָט מורא, דוד זאָל אַרויסלאָזן איר האַנט פון זיינע...

דאָס איז געווען די נאַכט פון געזעגענונג, און דוד איז אַוועק אויף זיין שווערן וועג קיין ארץ־ישראל. דער וועג פון חלוצים, דער וועג פון פריידיקן פּיין, ווען די שווערע טעג פאַרוואַנדלען זיך אין געזאַנג, האָט אויסגעפילט דודס לעבן. און מירעלע האָט אין מאָנאָטאָנע טעג געוואַרט אויף זיינע בריוו, וואָס זענען געווען ווינציקער, ווי מירעלע האָט דערוואַרט פון זיי. זי האָט אין אירע בריוו צו אים אַריינגעלייגט איר האַרץ און זיינע בריוו האָבן געהאַט אַזוי ווייניק וואַרעמקייט. ווען די שטוביקע זענען אַוועק שלאָפן, האָט מירעלע אין קינדער־צימער אויסגעגאָסן אין בריוו איר בענקשאַפט און ליבשאַפט. קיינער אין שטוב האָט נישט געוווּסט וויפל מירעלע ליידט. כדי זיך צו פאַרגעסן האָט זי זיך מיט לייב און לעבן אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט, אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַ־

ציע, זי איז געגאַנגען אויף בעלער, זי האָט אין שטוב איינגעאָרדנט טיי־אָוונטן, זי האָט זיך איינגערעדט, אַז זי פאַרטרייבט פון זיך די בענקשאַפט, אָבער די בענקשאַפט האָט זי פאַרפאָלגט, געפייניקט, און אין פיין שווימען די יאָרן און בייטן זיך אויס אויף בריוו.

פיר יאָר האָבן מירעלע און דוד קאָרעספּאָנדירט. מירעלע איז דערווייל געוואָרן וואָס אַ מאָל שענער, ווייבלעכער, אירע גרויסע שוואַרצע אויגן האָבן באַקומען דעם גלאַנץ פון רייפקייט. זי איז געוואָרן שלאַנק און אין איר פיגור איז געלעגן יענע סודותדיקייט, וואָס איז אַזוי אייגן פרויען אין בלי־עלטער.

צו לאהן אין שטוב האָבן זיך אַ לאָז געטון שדכנים און זיי האָבן אָפּגעשלאָגן די שוועלן פונעם זיידן ר׳ שלום, אָבער מירעלע וויל נישט הערן וועגן שידוכים. ביז זי אַנטפּלעקט פאַר דער מוטער דעם סוד, אַז זי האָט ליב דודן, אַז נאָר מיט אים וועט זי חתונה האָבן. די מוטער רעדט נישט מער וועגן שידוכים, זי געדענקט גוט יענע צוואָה פון הערש־דודן, נישט צו שטעלן זיך אין וועג פון די קינדער. לאהּ איז אין האַרץ געווען צופרידן און געוואַרט אויפן נחת. איצט האָט שוין מירעלע געוואַרט געדולדיקער. זי איז נישט געווען די איינציקע, וואָס האָט געטראָגן איר סוד. האָט זי זיך אויסגעטרוימט אין די לאַנגע אָוונטן, ווי דוד וועט אויסזען, ווען ער וועט קומען, ווי אַנטוויקלט און געבילדעט ער וועט זיין!

און פּלוצים האָבן אויפגעהערט אָנקומען בריוו פון דודן. מירעלע וואַרט אָפּ דעם פּאָסט־טרעגער דריי מאָל אין טאָג, ער ברענגט פאַר אַלע בריוו, נאָר נישט פאַר איר. פון אומגעדולד איז מירעלע אַריינגעפאַלן אין פאַרצווייפלונג. זי ווייסט אַלץ, זי פילט עס: דוד האָט זיך אויסגעקליבן אַ צווייטע. אין איר האָט ער פאַרגעסן, די ליבשאַפט איז אויסגעוועפּט געוואָרן אין די בריוו. אָבער ניין, מירעלע גלייבט נישט אין דעם. דוד וועט אַזעלכעס נישט טון. זיכער נישט. מסתמא איז ער קראַנק געוואָרן, עפּעס איז

זיכער געשען מיט אים. און עס לויפן וואָכן און חדשים, מירעלע פּרוּווט פאַרגעסן, זי טרייבט פון זיך דאָס בילד פון דודן, זי קען נישט אַזוי פילליידן, די בענקשאַפט עסט זי אויף, איר פּנים ווערט בלייך, דער גוף — מאָגער.

דער סוד, וואָס מירעלע האָט אים אַזוי הייליק געהיט, באַקומט זיך לסוף אַרויס צו די שכנים, און אַ שכנישער בחור, וואָס האָט זיך אין געהיים געליבט אין מירעלען, הייבט־אָן אַריינקומען צו איר אין שטוב. אייגנטלעך, מאַכט ער דעם אָנשטעל, אַז ער קומט צו אירע ברידער, אָבער ביי דער ערשטער געלעגנהייט דערקלערט ער מירעלען, אַז ער וויל מיט איר חתונה האָבן.

אויך אין פאַל מיטן שכנישן בחור, וואָס האָט זיך פאַרליבט אין מירעלען, האָט די מוטער געהאַלטן, אַז דאָס איז אַ פּאַסיקער שידוך. אָפטמאָל האָט די מוטער געלאָזט פאַלן אַ וואָרט, אַ רמז פאַר מירעלען, אָבער זי, מירעלע, האָט נישט געוואָלט רעדן וועגן דעם. איר בענקשאַפט צו דודן איז געוואָרן גרעסער פון טאָג צו טאָג. זי האָט געקענט שעהנווייז שטיין מיט טרערן אין די אויגן פאַר דודס בילד, ביז זי האָט אים דערזען אַ לעבעדיקן, זי האָט געזען ווי זיינע ליפּן באַוועגן זיך אויפן בילד און מורמלען עפּעס, טענהן זיך אויס מיט איר — ביז עמעצער האָט איר נישט געשטערט.

דערווייל האָבן די שטוביקע — די מאַמע לאה און דער זיידע, ר׳ שלום, — נישט געוווּסט, וואָס עס קומט פאַר אין מירעלעס האַרץ.

מירעלעס משפּחה האָט זיך געגרייט צו די תנאים פון מירעלען מיטן בחור פונעם שכן, פּונקט ווי דאָס וואָלט נישט געווען נוגע מירעלען, די מחותנים זענען געווען באַלעבאַטישע און אָנשטענדיקע מענטשן, און דער זיידע האָט געטראַכט, אַז דער שידוך איז גאָר אַ גלייכער. לאה און ר׳ שלום האָבן שוין אַפילו גערעדט וועגן צוגרייטן פאַר מירעלען אַ נדן, די קינדער זאָלן זיך קענען

איינאָרדענען. מען האָט אָפּגעשמועסט אַ שבת, ווען די מחותנים דאַרפן אַרויפקומען. אָבער מיט אַ טאָג פריער, ווען מירעלע איז מיטן דינסט־מיידל געווען פאַרפּאַרעט אין קיך ביים צוגרייטן דעם שבת, קומט פּלוצים אָן אַ בריוו פון דודן. זי האָט אַלץ אַוועקגעוואָרפן און געלאָפן צו זיך אין צימער אַריין לייענען דעם בריוו. זי האָט אים געלייענט איין מאָל און נאָך אַ מאָל — אַזוי צענדליקער מאָל און יעדעס מאָל האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי האָט עפּעס אַדורכגעלאָזט און זי האָט ווידער געלייענט. דוד האָט זיך שטאַרק פאַר איר אַנטשולדיקט. ער איז געווען קראַנק און נישט געקענט שרייבן. אָט די פּשוטע ווערטער זענען געווען פאַר איר ווי געהיימע מגילות. דעם פּרייטיק־צו־נאַכטס איז זי שוין פון איר צימער נישט אַרויס. זי האָט נישט געוואָלט רעדן מיטן שכנישן בחור, וואָס איז ווידער אַ מאָל געקומען זוכן אירס אַ וואַרעמען בליק און אַ וואָרט.

פון דעמאָלט אָן האָבן אָנגעהויבן קומען עפּטערע בריוו פון דודן און ער האָט געשריבן, אַז ער קומט צו פאָרן, ווייל — ער זעט נישט קיין ציל אין זיין אַזוי ווייט און אַזוי דערווייטערט פון איר, פון מירעלען. די טעג פון דערוואַרטונג האָבן זיך פאַרביטן אין אמתדיקע יום־טובים. מירעלע איז ווידער געוואָרן פריילעך און האָט אויפגעבליט. אַלע אירע הימלען זענען צעזוניקט געוואָרן.

דעם שכנס זון, פאַר וועלכן עס האָבן זיך געענדיקט אַלע האָפענונגען צו באַקומען מירעלען פאַר אַ פרוי, האָט באַשלאָסן נקמה צו נעמען נישט אַזוי אין מירעלען, ווי אין דודן. ער האָט זיך מיט זיינע נקמה־געפילן נישט אויסבאַהאַלטן. ווען מירעלע האָט סוף־כל־סוף באַקומען אַ ידיעה, ווען דוד קומט צו פאָרן, האָט זי ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז נאָך דעם זעלבן טאָג וועלן זיי ביידע אַוועקפאָרן צו קרובים אין אַ קליין שטעטל.

און ענדלעך איז דוד געקומען. ער איז געקומען אַ צעבראָכענער, אַ מידער פון ליידן. ער האָט געפונען מירעלען אַ צעבליטע,

עלעגאַנט־געקליידעטע פרוי. מירעלע איז שיכור געווען פון אויפ־רעגונג. זי האָט געצאַפּלט פון גליק און גלייכצייטיק פון אומרו פאַר דודס געזונט. מיט אַ טאָג שפּעטער זענען זיי אַוועקגעפאָרן פון וואַרשע.

דאָס קליינע שטעטעלע, ווו זיי זענען אָנגעקומען צו קרובים, איז געווען איינגעהילט אין אַ פּראַסטיקער ווינטערנאַכט. אַ בלוילעכע טרוקענע לופט איז געהאַנגען איבער דער ווייסער צע־בלישטשעטער ערד. דער חלל איז פאַרגאָסן מיט לבנה־ליכט. די הילצערנע קליינע הייזלעך ליגן נאָך מער נידעריק צו דער ערד. פון זייערע פענצטער שלאָגט אַרויס אַ שוואַכע ציטערדיקע שיין ערגעץ־ווו וויינט אַ קינד. אַ שטיק געפרוירענער שניי פאַלט אַראָפּ פון אַ דאַך. אין אַזעלכע נעכט פלעגן מירעלע און דוד שפּאַצירן איבער די צעשעמערירטע געסלעך און נישט מיד ווערן צו דערציילן איינאַנ־דער וועגן די יאָרן פון צעשיידונג. איצט — ווען מירעלע האָט אין

ווערטער פֿאַרביטן אירע ליידן, האָט זיך איר דאָס שלעכטע אַרויסגע־וויזן אַזוי אומענדלעך ווייט און נישט איר אָנגעהעריק. דוד האָט קוקנדיק אויף מירעלען, אויף איר צאַרטן פּנים, וואָס איז איינגעטוליעט אין פוטער, אויף איר לעבהאַפטיקייט און צעשפּילטקייט, קוים געגלייבט, אַז אָט די מירעלע האָט געקענט איבערלעבן אַזוי פיל.

איין מאָל, שפּאַצירנדיק, באַמערקט מירעלע עפּעס אַ בייזן שאָטן, וואָס שלייכט זיך נאָך זיי. ווי אַ געשפּענסט שווימט אַרויס דעם שכנס בחור. ער גייט האַרט נעבןביידע. מירעלע טוט אַ צי ביי דער האַנט דודן און מיט איילִיקע שריט גייען זיי אַהיים... מער ווי די נאַכט זענען זיי שוין אין שטעטל נישט געבליבן. מירעלע האָט געפילט, עס רוקט זיך אָן אַן אומגליק. זי מוז זען, מען זאָל אים רופן צו מענטשן און אויפקלערן, אַז ער קען זי נישט נייטן חתונה צו האָבן מיט אים. אָבער אויך אין וואַרשע איז די שרעק נישט געמינערט געוואָרן. עס האָבן נישט געהאָלפן קיין בייזע און גוטע טענות פון מענטשן, ווען מירעלע פלעגט אַוועקגיין פון שטוב, האָט זיך די שטוב פאַרוואַנדלט אין אַ גיהנום. דאָס אומגליק האָט כסדר געלויערט אויף איר. מען האָט מירעלען געהיטן אין דער גאַס. צום סוף האָט מען געוווירקט אויפן בחור, ער זאָל אַוועק פון וואַרשע און פאַרגעסן אין מירעלען, ווארום קיינער איז נישט שולדיק דעריין, אַז ער האָט זיך איינגערעדט, אַז מירעלע וועט מיט אים חתונה האָבן.

ערשט דעמאָלט, ווען מירעלעס לעבן איז באַפרייט געוואָרן פון געשפּענסט, האָט מען זיך אָנגעהויבן גרייטן צו די תנאים, וואָס זענען פאָרגעקומען אויף דעם שטייגער, וואָס ביי וואַרשעווער חסידים. און פונקט ווי די תנאים, אַזוי רייך און באַלעבאַטיש האָט מען געמאַכט די חתונה. הונדערטער מענטשן, קרובים און געסט פון אַלע עקן פוילן זענען זיך צוזאַמענגעפאָרן. לאה האָט געשטרעקט

דאָס לעבן, איר עלטסטע טאָכטער זאָל באַקומען אַ רייכן אויסשטייער. די מחותנים, דודס עלטערן, אָנגעזעענע און הייסע חסידים, אויסגע־ווייקט אין גערער הויף, האָבן די כלה באַשאָנקען מיט די טייערסטע מתנות. אַ טאָג פאַר דער חתונה איז לאה מיט מירעלען אַוועק אויפן בית־עולם צו הערש־דודס קבר, בעטן אים אויף דער חתונה. לאה האָט אַריינגעוויינט אין קבר און דערציילט דעם פאָטער וועגן איר זאָרג פון די קינדערסוועגן און וועגן איר גליק, וואָס זי גיט אויס די ערשטע טאָכטער לויט איר אייגענעם איינזען. מירעלע האָט אין קעגנוואַרט פון דער מוטער זיך געשעמט אויסצוגיסן פאַרן פאָטער דאָס האַרץ, ווי זי האָט געפילט. האָט זי דערפאַר באַשלאָסן אויף צו־מאָרגנס אינדערפרי נאָך אַ מאָל אַוועקגיין אויפן פאָטערס קבר.

ווען אַלע זענען נאָך געשלאָפן און אין גאַס איז נאָך כמעט טונקל געווען, האָט זיך מירעלע אַרויסגעשלייכט פון דער היים. דאָס טויער פון בית־עולם איז נאָך געווען צו, האָט זי זיך דורך אַ זייטיקן אַריינגאַנג אַריינבאַקומען אויפן בית־עולם. פּלוצעם קומט איר אַנטקעגן אַן איינגעהויקערטער בעטלער, וואָס מירעלע האָט אָנגענומען פאַר אַ שלעכטן סימן און באַלד באַמערקט זי, אַ גאַנצע כאָפּטע בעטלער גייט איר נאָך, באַגלייט אירע טריט.

מירעלע האָט אַרומגענומען די מצבה, ווי זי וואָלט אַרומגענומען דעם פאָטער אַ לעבעדיקן, און אַריינגעוויינט אין קבר. איר געמיט האָט זיך איצט צעגאָסן אין טייכן טרערן, טרערן, וואָס זי האָט לאַנגע יאָרן נישט אויסגעוויינט. זי האָט מיד אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן שטיין און געפילט, ווי זי וואָלט דעם קאָפּ אויפן אַקסל פון איר פאָטער אָנגעלענט. און אין וויינען פילט זי ווי עס הייבט אָן גיסן אַ שלאַקסרעגן; די בעטלער, וואָס האָבן זיך צוגעהערט צו אירע תחנונים, האָבן אָנגעהויבן שרייען, זי זאָל אויפשטיין פון קבר, — ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַ כלה זאָל אין טאָג פון דער חופה גיין אַליין ? מירעלען האָבן געקלונגען זייערע ווערטער אין די אויערן,

אַפילו ווען זי איז שוין געווען אויף דער גאַס, זי איז שנעל איינגעשטיגן אין אַ טאַקסי און אַוועק אַהיים. אין דער היים האָט זי געפונען די גאַנצע שטוב אַן אויפגערעגטע. מען האָט נישט געוווּסט, ווו די כלה איז פאַרשוווּנדן אין סאַמע באַגינען, אין טאָג פון דער חופה.

מירעלע איז דעם גאַנצן טאָג אַרומגעגאַנגען ווי אין הינער־פלעט. די רייכע אָנגעפּאַרענע געסט, די יום־טובדיקע צימערן און די אויסגעפּוצטע מומעס און ווייטע קרובים — דאָס אַלץ האָט זיך אַרומגעדרייט אַרום מירעלען, ווי אין אַ פּוסטער וועלט. מירעלע איז געווען צעבראָכן פון דעם אויסטערלישן פרימאָרגן, פון דעם אומהיימלעכן בילד פון דער בעטלער־כאַפּטע, דעם אומעטיקן קבר און דעם גאַס־רעגן — דאָס אַלץ האָט געהויערט איבער מירעלען און געדריקט איר געמיט. זי האָט נישט געזען די פיל בלומען, וואָס האָבן אויסגעפילט איר רייך־איינגעאָרדנט צימער, זי האָט נישט געזען די טעלעגראַמעס, וואָס זענען אָנגעקומען; זי איז געווען פאַרטון אין זיך.

דעם גאַנצן טאָג האָט געגאָסן אַ רעגן. דער הימל איז געווען פאַרוואָלקנט און גרוי. ווען עס איז פאַר מירעלעס הויז פאַרפאָרן די קאַרעטע, וואָס דוד האָט געשיקט, כדי מירעלען צו ברענגען צום חתונה־זאַל, האָט זיך דער רעגן אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט, אָבער ווי נאָר זי איז אַרײַן אינעווייניק, צוזאַמען מיט אירע חברטעס, האָט עס אויסגעזען ווי דער הימל וואָלט באַפרייט טייכן. די פערד האָבן ווייטער נישט געקענט פאָרן. די קוטשערס האָבן פאַרקערעוועט אויף אַ זייטיקן וועג און די פערד זענען אַרייַן אין אַ זומפּ.

די כלה איז אָנגעקומען מיט אַ פאַרשפּעטיקונג. די מחותנים זענען שוין געווען אומרואיק. דער גרויסער עולם גערער חסידים, אין זיידענע קאַפּאָטעס און אין שטריימלעך, און די מער וועלטלעכע יוגנט, פון די ציוניסטישע קרייזן, האָט אויסגעפילט דעם העל־

באַלויכטענעם זאַל. דער עולם האָט געזונגען חסידישע ניגונים און געפּאַטשט מיט די הענט. נישט געקוקט אויפן רעגן איז די שטימונג געווען אַ יום־טובדיקע, ווי אויף חסידישע חתונות. דערנאָך איז פּלוצים אַריין אין זאַל דער חתן, אַרומגערינגלט מיט הונדערט בחורים, צעזונגענע מיט מאַדזשיצער און גערער ניגונים.

צווישן די חתונה־געסט האָבן זיך אויסגעטיילט מירעלעס ברידער מיט די זיידענע קאַפּאָטעס און סאַמעטענע היטלען. דער זיידע ר׳ שלום מיט די געדיכטע ברעמען האָט געשיינט פון שמחה און זיך געשפּיגלט אין מירעלעס פּנים, וואָס אַלע חנען האָבן זיך אויף איר אויסגעגאָסן. די געסט האָבן — ווער מיט קנאה און ווער מיט פרייד — נאָכגעקוקט דעם חתן, וואָס מירעלען איז אַזאַ גליק געשען. בלויז לאהס האַרץ, וואָס איז פול געווען מיט ברכה פאַר די קינדער, איז גלייכצייטיק צעריסן געוואָרן פון יענעם טיפן ריס, ווען מוטערס אלמנות פירן זייערע קינדער, יתומים, צו דער חופּה.

און עס איז געשען אין רעכטן מיטן פון דער שמחה, ווען נאָך דער חופּה האָבן זיך די געסט געלאָזט אין אַ פריילעכן טאַנץ, איז מערעלעס שוועסטער געפאַלן אין טאַנץ און אויסגעלענקט אַ האַנט. די חתונה איז שוין צעשטערט געוואָרן. מען האָט דעם פאַל אויסגעטייטשט אַלס שלעכטן סימן, אַלס אָנדייט פון גורל, וואָס דערוואַרט דאָס יונגע פּאָרל.

כאָטש גרויס איז געווען דאָס גליק פון מירעלען און דוד האָט געבענטשט זיין מזל צו האָבן מירעלען פאַר אַ פרוי, דאָך איז זייער לעבן אַוועק שווער. דאָס יונגע פּאָרל האָט געוווינט צוזאַמען מיט לאהן און, ווי עס געשעט אָפט, האָט מירעלע געליטן. עפּעס אַ מאָדנעם פאַרדרוס האָט לאה געפילט צו איר איידעם. פיל מאָל האָט אים מירעלע געמוזט רעכטפאַרטיקן אין די אויגן פון איר מוטער. און לאה איז אומצופרידן געווען, וואָס די טאָכטער פאַרטיידיקט

אים, זי האָט איר אויסגעזען צו זיין אַ שלעכטע טאָכטער. און גראָד ווען מירעלע האָט זיך געריכט צו ווערן אַ מוטער, איז דער זיידע ר׳ שלום געשטאָרבן, אויסגעגאַנגען, נישט דערלעבנדיק צו זען מירעלעס קינד. דאָס גאַנצע לעבן האָט איצט באַקומען אַן אַנדער אויסזען. גליק און שאָטן האָבן זיך אָפּגעביטן אין לעבן, און דאָס לעבן איז געוואָרן שווער. און שווער איז געווען דאָס לעבן צוזאַמען מיט דער מוטער, און נאָך שווערער — צו ווערן אַ מוטער. מירעלע איז שווער און לאַנג געגאַנגען צו קינד און געבוירן אַ זון. נאָר נישט באַשערט איז געווען אַ פול גליק אין דעם הויז. דאָס קינד איז קראַנק געוואָרן און אין דער זעלבער צייט איז אויך דוד שווער קראַנק געוואָרן. מירעלע איז געבליבן כמעט אַליין מיט איר גורל. די גאַנצע לאַסט פון פּרנסה איז אַרויפגעפאַלן אויף אירע אַקסלען. דוד איז געווען פאַרביי. די דאָקטוירים האָבן אָפּגעזאָגט ס׳לעבן. מירעלע איז געלאָפן פון קינד אין שפּיטאָל אַריין. און דאָס געשעפט איז פאַרוואָרלאָזט געוואָרן. די סחורות האָט מען אויפגעגעסן, די שווערע שטייערן און די הוצאות האָבן אָראָפּגע־גריזשעט די סחורות פון די פאַכן און די פאַכן זענען געבליבן ליידיק. דאָך האָט זיך דאָס מזל נישט אינגאַנצן אָפּגעטון פון מירעלען.

דאָס קינד איז געזונט געוואָרן, און אויך דוד איז געקומען צו זיך. אין שטילן און נישט לייכטן לעבן זענען די יאָרן געלאָפן. דאָס קינד, הערש־משהלע, איז אויסגעוואַקסן אַ שיין און זייער געראָטן יינגל. נישט געקוקט וואָס דוד איז געווען אינגאַנצן אַ וועלטלעכער האָט אים מירעלע דערצויגן לויטן יידיש־רעליגיעזן שטייגער. דאָס יינגל איז געווען פאַר מירעלען דער קוואַל, פון וועלכן זי האָט געשעפּט כוחות אין איר שווערן מאַטעריעלן לעבן. און ווען די געשעפטן האָבן זיך אויסגעלאָזט — האָבן מירעלע מיט דודן באַשלאָסן אַוועקפאָרן קיין ארץ־ישראל.

נישט לייכט איז אָנגעקומען צו פאַרלאָזן דאָס איינגעזעסענע הויז, דעם גזשיבאָוו, די סביבה אין וועלכער מען האָט פאַרבראַכט די שענסטע יאָרן פון לעבן. לאה האָט געקוקט אויף די אַוועקפאָרנדיקע ווי איר גאַנץ לעבן וואָלט אונטערגעגאַנגען, אָבער מירעלע האָט זיך געטרייסט, אַז אינגיכן וועט זי אַריבערנעמען די מוטער, שוועסטער און ברידער קיין ארץ־ישראל.

קיין ארץ־ישראל זענען זיי אָנגעקומען דעמאָלט, ווען עס זענען פאָרגעקומען די באַרימטע אומרוען. אָן פריינד און באַקאַנטע. זיי זענען אַרויס אויפן ברעג מיט די לעצטע עטלעכע גראָשנס אין קעשענע. ווו גייט מען מיטן קינד ? וואָס הייבט מען אָן טון כדי צו פאַרדינען אויף ברויט ? אין לאַנד איז דאָך געווען אומרואיק און גראָד דעם זעלבן טאָג, ווען זיי זענען אָנגעקומען זענען געווען אַ סך געהרגעטע יידן. זיי זענען אָנגעקומען אינעם חרובן אימיגראַנטן־הויז, ווו די שויבן זענען געווען אויסגעשלאָגן, אָבער מירעלען איז ארץ־ישראל אַריין אין האַרצן. זי איז באַרוישט געוואָרן פון די מאַנדל־גערטנער און די בערג פון יהודה. אַלץ האָט איר באַצויבערט. די חלומות פון איר קינדהייט זענען געשטאַנען פאַר איר פאַר־ווירקלעכטע. איצט האָט זי נישט געפילט מער די גרעסטע שווערי־קייט, וואָס האָט איר געקלעמט אין דער היים, עפּעס אויסטערליש באַפרייט האָט זי זיך געפילט. און כאָטש אָפטמאָל איז קיין ברויט אין שטוב נישט געווען, כאָטש ביידע, סיי מירעלע און סיי דוד, האָבן שווער געאַרבעט, פלעגט מירעלע שרייבן אַהיים פריילעכע און מוטיקע בריוו, אַז עס גייט איר גוט, און באמת האָט מירעלע געהאַט דאָס געפיל פון אַ געווויסן גליק. מיט דער צייט האָט אויך דוד באַקומען אַ גוטן פּאָסטן און זייער היים איז געשטאַנען אָפן פאַר יעדן, וואָס האָט געוואָלט אַריינקומען. און דעמאָלט ווען מירעלען האָט זיך געדאַכט, אַז זייער לעבן איז ענדלעך אויפגעבויט, האָט צו זיי אין שטוב אָנגעהויבן אַריינקומען אַ פרוי. מירעלע איז

געווען זיכער מיט דודן. ס'איז איר קיינמאָל אַפילו נישט איינגעפאַלן, אַז עפּעס־וואָס זאָל זיי קאָנען צעשיידן. און גראָד די אַריינקומענדיקע פרוי האָט זיך פאַרליבט אין דודן. ווען מירעלע האָט זיך געכאַפּט — איז שוין געווען שפּעט. עס האָבן נישט געהאָלפן אירע געבעטן, די פרוי זאָל מער נישט אַריינקומען. דוד האָט מירעלען פאַרבאָטן צו רעדן שלעכטס וועגן דער פרוי און, פאַרקערט, באַמיט זיך, די פרוי זאָל וואָס אָפטער אַריינקומען.

דערווייל איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה. אַלע וועגן צו דער היים, צו די נאָענטסטע, זענען אָפּגעשניטן געוואָרן. מירעלע האָט מער נישט געהערט פון דער מוטער, פון די שוועסטער און ברידער. דאָרט, אין וואַרשע, זענען שוין די יידישע היימען געווען אומגעבראַכט פון היטלעריסטישן פייער. אָבער מירעלע האָט אויך דאָ קיין היים נישט געהאַט. דוד פלעגט איצט אַהיימקומען שפּעט און דערצו אַ פרעמדער. ער האָט אויפגעהערט זען מירעלען. אַפילו דאָס קינד, וואָס ער האָט ליב געהאַט ווי זיין לעבן, איז געוואָרן אָפּגעפרעמדט פון אים. ער האָט מער קיין וואַרעם וואָרט נישט געפונען פאַר מירעלען מיטן קינד, און מירעלע פלעגט וויינען איבערן בעטעלע פון קינד פאַר איר ביטער מזל.

די באַקאַנטע פרוי האָט זיך מער נישט באַהאַלטן מיט אירע געפילן צו דודן און דווקא דעמאָלט, ווען מירעלע פלעגט זיין פאַרהאָרעוועט פון אַרבעט, פלעגט יענע קומען אַן עלעגאַנטע, אויסגערוטע. דוד איז געווען אויפגערעגט אויף מירעלען. ער האָט מער נישט פאַרשטאַנען אירע שוועריקייטן. ער האָט מער פאַר איר קיין געפיל נישט געהאַט.

אַליין און איינזאַם האָט זיך מירעלע דערזען אויף דער וועלט. דוד פלעגט שוין איצט אַהיימקומען שפּעט ביינאַכט, ניט רעכענענ־דיק זיך נישט מיט איר און נישט מיטן קינד.

איין מאָל, אַ פרייטיק־צו־נאַכטס, זי האָט, ווי תמיד, געגרייט

צום טיש, הערש־משהלע, דאָס זונעלע, האָט זיך געזעצט צום טיש און געוואָרט אויף דער פריילעכקייט פון שבת, וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט. דערווייל קומט אַריין מירעלעס אַ באַקאַנטע, זי זיצט אַ פּאָר מינוט און דערנאָך גייט דוד זי באַגלייטן צו דער צווייטער גאַס. אָבער דוד פאַרזוימט זיך. דאָס קינד ווערט אומגעדולדיק און שלעפעריק ביים טיש, ביז עס שלאָפט איין. עס גייט פאַרביי אַ שעה, צוויי שעה און דוד קומט נישט צוריק.

די ליכט אין די לייכטערס האָבן שוין לאַנג אויסגעברענט, דער טיש שטייט אַ גרייטער און פאַרשעמטער. די מוטער טוט אויס דאָס קינד און לייגט עס שלאָפן, אָן אָוונט־ברויט.

ערשט צוויי אַזייגער ביינאַכט איז דוד צוריקגעקומען און אַפילו נישט פאַרענטפערט זיין האַנדלונג. נאָך אָט דעם פאַל איז מירעלען נמאס געוואָרן דאָס לעבן און אויסטערלישע געדאַנקען האָבן זיך איר אָנגעהויבן פּלאָנטערן אין קאָפּ. צו וואָס אויסשטיין אַזוי פיל פּיין און באַליידיקונגען ? צו וואָס זאָל זי זיך קעגנשטעלן איר גורל...

איין טאָג שפּעטער, ווען זי איז נאָך אַ שלאָפלאָזער נאַכט אַרויס צו דער אַרבעט, איז זי געווען אַזוי דערשלאָגן, אַז זי האָט נישט באַמערקט אַן אָנפאָרנדיקן לאַסט־אויטאָ און עס האָט נישט געפעלט קיין סך, זי זאָל איבערגעפאָרן ווערן. דערנאָך איז געקומען הערש־משהלע צו איר אַרבעטס־אָרט און אָנגעזאָגט, אַז ער פילט זיך קראַנק און ער גייט אַהיים זיך לייגן. זי לויפט אַהיים מיטן יינגל. דאָס איז דאָך איצט איר איינציקער אָנהאַלט אין לעבן. זי איז געזעסן צוגעשמידט צום בעט, קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט פון זיין אײדל פּנים, אין וועלכן עס איז געלעגן די ענלעכקייט צו איר גאַנצער וועלט, וואָס איז זיך איצט צעפאַלן אין חורבות. אין קינדס פּנימל האָט זי געזען איר פאָטער, איר מוטער און דודן אַזאַ

ווי ער איז געווען דעמאָלט, ווען איר נשמה האָט געפלאַטערט פון בענקשאַפט און ליבשאַפט.

צו פיל האָט זיך פלוצים אַראָפגעלאָזט אויף מירעלעס שוואַכע אַקסלען זי זאָל דאָס איבערהאַלטן. זי איז קראַנק געוואָרן. די דאָקטוירים האָבן נישט געמאַכט קיין סוד פאַר איר, אַז זי איז קראַנק אויף אַ ראַק און אַז זי מוז תיכף זיך לאָזן אָפּערירן. ערשט דעמאָלט האָט זיך ביי דודן אין האַרצן איבערגעוועקט דאָס געוויסן. עס האָט אים אָנגעהויבן פּייניקן אַ ביטער שולד־געפיל. פּונקט ווי אַ שיכור, וואָס זעט דעם חורבן, וואָס ער האָט געמאַכט, ערשט נאָך דעם ווי ער ניכטערט זיך אויס, אַזוי האָט דוד דערזען דעם חורבן פון מירעלעס לעבן, איר עלנטקייט און צעבראָכנקייט. מירעלע האָט אים מער נישט געמאַכט קיין פאָרווורפן. זי האָט געוווּסט, אַז איר לעבן הענגט אויף משקולות. דער שפּיטאָל־צעטל, וואָס דוד האָט אַהיימגעבראַכט, איז געווען ווי אַן אורטייל נישט בלויז אויף מירעלען, נאָר אויך אויף זייער קינד און אויף אים גופא. זי האָט געלאָזט, אַז דאָס חרטה־פייער, וואָס איז אויפגעגאַנגען אין דודן, זאָל זיך אַליין צעפלאַקערן און אויסברענען דעם חורבן.

אין אָוונט, נאָך וועלכן זי האָט אויפצומאָרגנס געדאַרפט גיין אין שפּיטאָל אַריין, האָט זי שטיל, ווי נישט זי, נאָר ווי דוד וואָלט קראַנק געווען, געזאָגט צו אים:

— הער, דוד, איך בין צוגעגרייט צו שטאַרבן אונטערן מעסער. איך קען די געפאַר, וואָס מיר דראָט, וויל איך נאָר איינס, לכל הפּחות, איין זאַך זאָלסטו טון פאַר מיר: טאָמער וועל איך שטאַרבן, נעם נישט אַריין יענע פרוי אין דעם הויז. איך וויל נישט, זי זאָל זיין אין דעם הויז, אין וועלכן איך האָב אַריינגעלייגט מיין האַרץ און מיין נשמה. געדענק וועגן הערש־משהלען: ער דאַרף האָבן אַ פאָטער און פאָטער וועסטו זיין צו אים נאָר דעמאָלט, ווען יענע פרוי וועט נישט זיין אין דעם הויז.

דודן דאַכט זיך, אַז דאָס הערט ער נישט די שטים פון מירעלען, נאָר פון זיין אייגן געוויסן. אַלע פיינען, וואָס ער האָט פאַרשאַפט מירעלען האָט ער ערשט איצט דערזען. פאַר אים איז געשטאַנען אַ צעבראָכענע, קראַנקע, דערנידעריקטע פרוי. און ער פילט, אַז דאָס האָט ער זי דערפירט צו דעם מעמד, ווען זי רעדט וועגן טויט ווי וועגן דערלייזונג.

אויף צומאָרגנס אין דער פרי האָט ער מירעלען אָפּגעפירט אין שפּיטאָל. קראַנקן־שוועסטערס האָבן איבערגענומען מירעלען און פאַר אים פאַרמאַכט די טיר. עס האָט זיך אים אין דער מינוט אויסגעדאַכט, ווי מען וואָלט פאַר אים פאַרמאַכט די טיר פון האָפענונג, און ער בלייבט שטיין אין דרויסן אַן עלנטער און צעבראָ־כענער. האַ, צו וואָס האָט ער דערפירט? וואָס פאַר אַ כוח האָט אים פאַרטריבן אויף די זייטיקע וועגן פון אומגליק? דוד לויפט אַרום אַרום דעם שפּיטאָל־בנין, קוקט אין די פענצטער, טאָמער וועט זיך ערגעץ־ווו באַווייזן מירעלעס שאָטן. ער איז געקומען אין שפּיטאָל טאָג־איין טאָג־אויס. איינמאָל איז ער אַוועק אין קאָרידאָר און צופעליק באַמערקט ווי מען פירט אַדורך מירעלען. זי איז געווען אינגאַנצן געענדערט, דאָס געלע פּנים האָט אַרויסגעשאָטנט פונעם ווייסן כאַלאַט און קאָפּ־טיכל. די ליפּן האָבן איר געציטערט. לויפט צו צו איר דוד. ער נעמט זי אַרום, ער קען זיך נישט איינהאַלטן: מירעלע, מירעלע! — שעפּטשעט ער.

מירעלע קוקט אויף אים ווי אַ יענע־וועלטיקע, מיט שטאַרע אויסגעלאָשענע אויגן. קוים עטלעכע מוטנע טרערן רינען איר אַראָפּ איבער די געלע איינגעפאַלענע באַקן, זי באַוועגט מיט די ליפּן און ברענגט אַרויס קוים איין וואָרט:

— דוד...

די שוועסטער רייסט אָפּ פון איר דודן און ער בלייבט אַזוי ווי אַלע וועלטן וואָלטן אַוועקגעשווומען פון אים. אָט צו דעם האָט

ער דערפירט? דאָס האָט ער געמאַכט פון זיין גרויסער ליבע? אַזוי האָט ער צעהפקרט דאָס טייערסטע פון זיין לעבן? די בילדער פון אידילישע יום־טובים און פרומע שבתים ביים טיש מיט מירעלען און הערש־משהלען האָבן זיך אים געשטעלט פאַר די אויגן, ווי זיי וואָלטן אָנגעשווומען כדי אים צו פייניקן.

דוד האָט אָנגעהויבן זוכן מירעלעס פריינד און באַקאַנטע, עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז מיט דעם, וואָס ער זעט זיי, פאַרהאַלט ער מירעלען ביים לעבן.

אין טאָג פון דער אָפעראַציע איז ער געזעסן אונטן אין קאָרידאָר און אויף די פּנימער פון די פאַרביילויפנדיקע קראַנקן־שוועסטערס און דאָקטוירים געזוכט אַן ענטפער אויף דעם, אויף וואָס קיינער וואָלט אים איצט נישט געענטפערט.

— וואָס הערט זיך? האַ, וואָס הערט זיך? — פאַרהאַלט ער איין שוועסטער. זי ענטפערט אים נישט, זי איילט פאַרביי. און אים דאַכט זיך, אַז די קראַנקן־שוועסטער ווייסט אַלץ וועגן אים, זי ווייסט, אַז ער איז שולדיק און וויל צו אים נישט רעדן. זיצט ער אַ דערשלאָגענער און פרווט מער נישט פרעגן. ער שפּאַנט איבערן קאָרידאָר, קוקט אין די טירן. און אָט צעעפנט מען ברייט די טירן פון אָפעראַציע־זאַל און אויף אַ בעטל פירט מען אַרויס מירעלען. זי איז געל, ווי דאָס לעבן וואָלט אַוועק פון איר. דער שווערער נאַרקאָזע־שלאָף, ווי דער טויט, הערשט איבער איר פּנים. דאָס בעטל פאַרשווינדט אין אַ צווייטער טיר נאָך איידער ער גייט צו נאָענט.

קיינער ענטפערט אים נישט. די ערד הייבט אָן ברענען אונטער זיינע פיס. וואָס טוט מען מיט זיך? צי איז אַלץ פאַרפאַלן? צי אַזוי וועט זיך ענדיקן זיין לעבן? אָט דאָס איז דער סוף?

פּלוצים קומט אַרויס אַ שוועסטער, זי קוקט אים גלייך אין די אויגן און זאָגט צו אים:

— איר וועט געבן אַ גלאָז בלוט פאַר אייער פרוי. איר צושטאַנד איז געפערלעך.

— נעמט! נעמט! — שרייט ער אויס און רייסט אַראָפּ דאָס רעקל פון זיך — נעמט וויפל איר דאַרפט.

די שוועסטער דערשרעקט זיך פאַר זיינע גרויסע צעשראָקענע אויגן און נעמט אים אָן ביי דער האַנט:

— באַרואיקט זיך. קומט מיט מיר — זאָגט זי האַרט.

אָט דעם מעת־לעת איז שוין דוד נישט אָפּגעטרעטן פון שפּיטאָל, ער האָט מער נישט געוואָלט אַרויס פון קאָרידאָר, ער האָט די שוועסטערס און די דאָקטוירים פאַרמאַטערט מיט זיין נאָכפרעגן.

עס איז געווען דער קריזיס. עס זענען געווען די לעצטע מינוטן פון מירעלען, דאָס האַרץ האָט מיט שווערע, אָפּגעריסענע קלעפּ צעוויסן געטאָן, אַז ס׳האָט נישט מער בדעה צו אַרבעטן, דער אָטעם איז געוואָרן פלאַך, קוים־קוים, וואָס די ברוסט האָט זיך געהויבן. אַ טונקעלע נאַכט האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער מירעלעס מוח. אין דער פינצטערניש האָבן זיך דורכגעריסן פאַרנעפּלטע שטיקער לעבן, ווייטע, נישט־די־וועלטיקע. און פּלוצים, ווען דער דאָקטאָר האָט שוין אַריינגעלייגט דאָס גומי־טרייבל אין קעשענע און אויפגעגעבן אַלע האָפענונגען, שעפּטשעט די קראַנקע: „דוד״ און דער אָטעם ווערט טיפער: דוד, דוד...

די שוועסטער רופט אַריין דודן: ער דערנענטערט זיך נישט־דרייסט, ווי אַן אָבל, וואָס צו זיין פאַרשטאַנד איז שוין דערגאַנגען דאָס ערגסטע, און לאָזט זיך אַראָפּ ביים בעט און קושט מירעלעס געלע אויסגעמאָגערטע האַנט. מירעלע עפנט די אויגן, קוקט אויף אים פאַרשטאַרט און ווען זי זעט אין זיינע אויגן טרערן, באַוועגט זי מיט דער האַנט, ווי זי וואָלט וועלן דערגיין צו זיין פּנים, און איר האַנט פאַלט אַ שוואַכע צוריק.

דער קריזיס איז אַדורך. מירעלע איז אַרויס פון געפאַר. דוד האָט געגומען הערש־משהלען און אַוועק קויפן בלומען. דודן האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז איבער אים דורכגעפירט אַן אָפּעראַציע. ער האָט זיך געפילט אויסגעלייטערט, ווי נאָך אַ גרויסן געפערלעכן שטורעם. און ווען ער האָט צוריקגעברענגט מירעלען אַהיים, כאָטש נאָך אַ שוואַכע, קוים אויף די פיס זיך געהאַלטן, האָט אין שטוב געהערשט אַ יום־טוב, אַ פריילעכער יום־טוב פון מענטשן, וואָס האָבן זיך צוריק אָפּגעפונען...

זכרונות
פון אַ קראַנקן־שוועסטער

וואַרשע. אַ שטילע, פראָסטיקע ווינטער־נאַכט. סודותדיק האָבן אַריינגעקוקט די שטערן אין די פענצטער פון לינת־הצדק.

פלוצלונג האָט זיך דער טעלעפאָן צעקלונגגען. עמעץ האָט געבעטן אַ דאָקטער צו אַ קראַנקער מאַמע. דער דיזשור־דאָקטער און די קראַנקן־שוועסטער זענען גלייך אַוועק אויף דעם אָנגעגעבענעם אַדרעס.

די וווינונג האָט זיך געפונען אין אַ קעלער־שטוב. אַ רויכערדיק נאַפט־לעמפל האָט נאָך מער באַטאָנט די פינצטערניש און די אָרעמקייט פון שטוב.

אויף דער קראַנקערס פנים זענען שוין געווען קענטיק סימנים פון איר נאָענטן טויט.

דער דאָקטער האָט פאַרשטאַנען אַז די דאָזיקע קראַנקע איז מער נישט צו ראַטעווען, האָט ער כאָטש געוואָלט לינדערן אירע ווייטיקן. ער האָט איר געמאַכט אַ מאָרפיום־אינזשעקציע. די ווייטיקן האָבן באַלד אויפגעהערט. די קראַנקע איז איינגעשלאָפן.

נאָכדעם ווי דער דאָקטער איז אַוועק, איז די קראַנקן־שוועסטער געבליבן זיצן ביים בעט פון דער קראַנקער. פּלוצלונג האָט זי באַמערקט ווי פון ווינקל־צימער קוקן אויף איר דורכדרינגלעך אַ פּאָר אויגן. נישט ווילנדיק האָט זי אַ ציטער געטאָן און אָפּגעווענדט אירע בליקן פון דעם פּונקט.

פון דאָרט האָט זיך אויפגעהויבן אַ געשטאַלט און איז צוגע־גאַנגען צו דער קראַנקן־שוועסטער. זי האָט ערשט איצט געזען אַז דאָס איז אַ יונגער בחור, שלאַנק און סימפּאַטיש. ער איז צוגעקומען נאָענט צו דער שוועסטער און אויסשטרעקנדיק צו איר אַ האַנט האָט ער געזאָגט:

— איך בין דער זון פון דער קראַנקער, און איך בין דאָס געוועזן דער וועלכער האָט אייך אַהער געבעטן קומען.

די קראַנקן־שוועסטער האָט זיך באַלד דערוווּסט, אַז דער בחור

איז אַ סטודענט. ביי טאָג אַרבעט ער שווער. לערנט און גיט לעקציעס כדי צו פאַרדינען אויף אויסצוהאַלטן די שטוב און אויף דער נאַכט זיצט ער ביי דער קראַנקער. היינט, האָט ער געזאָגט, האָט זיך דער מוטערס מצב פאַרערגערט, און ער האָט געמוזט באַשטעלן אַ דאָקטער און שוועסטער פון לינת־הצדק.

וואָס לענגער עס האָט געדויערט דער שמועס, אַלץ מער איז דער בחור איר געוואָרן היימישער און סימפּאַטישער. די קראַנקע האָט נאָך דער אינזשעקציע רואיק געשלאָפן און די צוויי יונגע מענטשן זענען אַריבער פון איין טעמע אויף דער אַנדערער. די לאַנגעווינטער־נאַכט איז גיך אַוועק און די צוויי זענען זיך מיט יעדער שעה אַלץ נענטער געוואָרן. עס האָט געגומען טאָגן. און אַז די שוועסטער האָט זיך אויפגעהויבן אַוועקצוגיין, האָט דער בחור, אַ ביסל אַ פאַררויטלטער, באַמערקט, אַז ער וואָלט זיך זייער געפרייט ווען ער זאָל זיך באַלד ווידער קאָנען מיט איר טרעפן.

אַזאַ געלעגנהייט האָט זיך געמאַכט ערשט אין אייניקע מאָנאַטן אַרום.

אין איינעם אַ טאָג האָט די קראַנקן־שוועסטער באַקומען אַ טעלעפאָן. אַ מענער־שטימע האָט זיך אָנגערופן און זי געבעטן קומען אויף אַ באַשטימטן פלאַץ אין דער און דער שעה.

קומענדיק אויף דעם באַשטימטן פלאַץ האָט אים די שוועסטער נישט באַלד דערקענט. דער סטודענט איז געווען שיין אָנגעטאָן, אין אַ סטודענטיש היטל. די ברילן האָבן אים צוגעגעבן אַ מענלעכן און איידעלן אויסזען.

ער האָט איר דערציילט אַז ס'איז קורץ נאָך זיין מוטערס טויט. זיי האָבן אַ לאַנגע צייט שפּאַצירט אין די גאַסן. דעם בחורס פאַרשלאָג, אַז זיי זאָלן אַריינגיין אין אַן עפנטלעכן לאָקאַל, האָט די שוועסטער דאַנקענדיק אָפּגעוואָרפן. זי האָט דאָס נישט געטאָרט טון צוליב איר רעליגיעזער היים. דער פאָטער איז אַ פאַנאַטיקער —

האָט זי דערציילט — ער פּענטעט זי. לאָזט זי נישט פריי זיך באַוועגן. ער האַלט אויך שטאַרק פון יחוס. ער וואָלט, למשל, קיין מאָל נישט מסכים געווען אַז זי זאָל זיך פאַרבינדן מיט אַ מענטשן וואָס שטאַמט נישט פון קיין יחוסדיקער פאַמיליע, וואָס איז נישט פרום, און אויך נישט מיט אַ בחור וואָס איז אָרעם.

דעריבער טאַקע האָבן זיך די צוויי יונגע מענטשן געטראָפן אין געהיים, די קראַנקן־שוועסטער האָט געציטערט אַז זי זאָל אויף אירע שפּאַצירגענג מיטן סטודענט נישט באַגעגענען אַ באַקאַנטן, וועלכער וואָלט זי געקאָנט פאַרקלאָגן פאַר איר פאָטער. שפּאַצירנדיק בלויז אין ווייטע, אָפּגעלעגענע געסלעך, זענען זיי זיכער געווען אַז קיינער פון אירע באַקאַנטע וועט זי נישט זען; אַז זייערע צוזאַמענטרעפן וועלן בלייבן אַ סוד.

ס׳איז אַוועק דער ווינטער מיט זיינע פרעסט און זאַווי־ערוכעס און ס׳איז געקומען דער פרילינג. און נאָכער דער זומער.

דער קראַנקן־שוועסטערס עלטערן האָבן זיך גענומען גרייטן איבערצוציען אין זייער זומער־וווינונג אויף די הייסע זומער־חדשים. פאַרשטייט זיך, אַז אויך די קראַנקן־שוועסטער — דינה איז געווען איר נאָמען — האָט, ווי יעדעס יאָר, אויך איצט געדאַרפט מיטפאָרן מיט די עלטערן. אָבער דינה האָט זיך היי־יאָר, אונטער פאַרשידענע תירוצים, אויסגעדרייט מיטצופאָרן, זאָגנדיק, אַז די הויפּט־סיבה איז וואָס זי קאָן דערווייל נישט איבערלאָזן דעם לינת־הצדק. ס׳זענען לעצטנס דאָ פיל קראַנקע און ס׳קלעקן נישט קיין קראַנקן־שוועסטערס. דאָס האָט זיך דעם פאָטער געלייגט אויפן שכל. ער האָט מסכים געווען, אַז די טאָכטער זאָל דערווייל בלייבן. זי האָט אים אָבער געמוזט פאַרזיכערן, אַז ווי באַלד זי וועט נאָר קאָנען זיך באַפרייען פון דער אַרבעט, וועט זי נאָכקומען.

אויף אַזאַ אופן האָט די מצווה פון ביקור־חולים איר אַרויס־געהאָלפן. זי איז געבליבן אין דער היים און געקענט יעדן פאַרנאַכט, אומבאַמערקט פאַר די שכנים, פאַרלאָזן די וווינונג און אַרויס צום אָפּגערעדטן פּלאַץ, כדי צו פאַרברענגען עטלעכע גליקלעכע שעהען מיטן סטודענט.

אָבער נישט לאַנג האָט געדויערט דאָס פאַרברענגען מיטן געליבטן סטודענט אומגעשטערט. אין איינעם אַ טאָג איז ער איר געקומען זאָגן, אַז ער איז געצוווּנגען זיך מיט איר צו שיידן. און ווער ווייסט אויף ווי לאַנג. אָט וואָס עס האָט פּאַסירט: איינער פון די סטודענטן וועלכער איז געווען זיין שילער, איז געווען דער זון פון אַ זייער רייכן פאַבריקאַנט. אַ דאַנק דעם געלט וואָס ער האָט באַקומען פאַר געבן אים לעקציעס, האָט ער אַליין געקענט ממשיך זיין זיין שטודיום. איצט האָט דער דאָזיקער שילער געענדיקט די גימנאַזיע און זיין פאָטער באַשטייט דערויף אַז זיין זון זאָל שטודירן אין אַ שווייצער אוניווערסיטעט. ער וויל אָבער אויך, אַז ער, זיין לערער, וועמען עס איז צו פאַרדאַנקען וואָס זיין שילער האָט

מיט דערפֿאָלג געמאַכט מאַטורע, זאָל מיטפֿאָרן מיט זיין זון און אים ווייטער געבן לעקציעס. ער, דער פֿאָטער, איז גרייט צו צאָלן דערפֿאַר אַזויפֿיל, אַז די סומע זאָל קלעקן פֿאַר ממשיך זיין זיין אייגן שטודיום אין דער שווייץ.

פֿאַר דינהן איז דאָס געווען אַ גרויסער קלאַפּ. זי האָט זיך שוין נישט געקענט פֿאַרשטעלן, אַז זי זאָל אָן אים קאָנען לעבן. זי האָט זיך צו אים געטוליעט אָן אַ וואָרט אַרויסצורעדן. ער האָט איר געשווירן אייביקע ליבע. ער וועט פֿון דער שווייץ צוריקקומען אַן אויסגעשטודירטער, און דאַן וועלן זיי זיך פֿאַרבינדן, און קיין שום זאַך אין דער וועלט וועט זיי נישט קאָנען מער צעשיידן.

✶

באַלד נאָכן סטודענטס אָפּפֿאָרן אין דער שווייץ איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה. די קאָרעספּאָנדענץ צווישן זיי איז איבער־געריסן געוואָרן. דער גרויסער בלוטיקער מבול איז געקומען אויף דער וועלט, און דער עיקר אויף יידן.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט, זענען אירע עלטערן, שוועסטער און ברידער, פֿאַרשיקט געוואָרן אין אַ לאַגער. פֿון דאָרט איז קיין איינציקער פֿון זיי נישט מער צוריקגעקומען. בלויז איר אַליין איז, על־פּי נס, געלונגען זיך צו ראַטעווען. איבערגעלעבט אַלע פּיינען, אויסגעשטאַנען הונגער, קעלט, קראַנקהייט, טויט־שרעק. אָבער אויך אין די שווערסטע און שוואַרצסטע מינוטן פֿון איר לעבן האָט פֿאַר אירע אויגן נישט אויפֿגעהערט שוועבן דאָס בילד פֿון איר געליבטן סטודענט.

איבערגעלעבט די מלחמה, האָט זי אַלץ געהאָפֿט, אַז זי וועט אים נאָך געפֿינען. די בריוו וואָס זי האָט איצט כּסדר געשיקט אויף זיין אַלטן אַדרעס זענען אַלע צוריקגעקומען מיט דער צושריפֿט: „אַד־רעסאַט אומבאַקאַנט”. דינה האָט נישט געוווּסט די סיבה פֿון די

צוריק־באַקומענע בריוו, אָדער ער האָט זיין אַדרעס געביטן, אָדער ער געפינט זיך מער נישט אין דער שווייץ.

דערווייל וויינט זי אין אַ קליין שטעטעלע. ס׳איז ווינטער. די קליינע הייזלעך זענען ווי איינגעזונקען אין די טיפע שנייען. די מענטשן זיצן אין די שטיבער, וועלכע זענען שוואַך באַהייצט.

זי זיצט און וואַרט, אפשר וועט געשען אַ נס און ער וועט זיך פון ערגעץ־ווו באַווייזן.

און פונקט ווי דינה, האָט אויך דער סטודענט נישט אויפגעהערט זוכן זיין געליבטע קראַנקן־שוועסטער. ער האָט געהאָפט אַז ער וועט זי נאָך ערגעץ געפינען, דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט, אַז זי לעבט. אָבער וויפל ער האָט נישט נאָכגעפאָרשט און נאָכגע־פרעגט, איז זיין מי געבליבן אַן אומזיסטיקע. דערווייל האָט ער פאַרגעזעצט זיין שטודירן אויפן מעדיצינישן פאַקולטעט אין דער שווייץ.

דינה האָט זיך דערמאָנט, אַז דער סטודענט האָט תמיד מיט איר גערעדט וועגן זײַנעם אַ נאָענטן חבר אין ארץ־ישראל, מיט וועלכן ער האָט נישט אויפגעהערט קאָרעספּאָנדירן. איז איר איינגעפאַלן: אָט דער חבר דאַרף זיכער וויסן ווו איר פרײַנד געפינט זיך. צווישן ארץ־ישראל און דער שווייץ זענען דאָך בעתן קריג נישט איבערגע־ריסן געוואָרן די באַציאונגען. האָבן זיך דאָך די ביידע חברים די גאַנצע צייט זיכער איבערגעשריבן. דאַרף זי זיך איצט געבן די גרעסטע מי אויסצוגעפינען דעם אַדרעס פון אָט דעם חבר און אים אָנפרעגן וועגן דעם גורל פון איר פרײַנד.

די יוגנט, און דערצו נאָך די יוגנט וואָס ליבט, קאָן נישט קיין גרענעצן, קיין שוועריקייטן, און לאָזט זיך פון קיין שום זאַך נישט אַנטמוטיקן. דינה האָט אַזוי לאַנג געזוכט, געפאָרשט, ביז זי האָט אויסגעפונען דעם אַדרעס פון איר פרײַנדס חבר. זי באַשליסט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל אויפזוכן דעם חבר פון איר סטודענט. דעם דאַזיקן פּלאַן נעמט זי זיך באַלד רעאַליזירן. זי קומט קיין ארץ־ישראל. באַזוכט דעם חבר פון איר פרײַנד. און צו איר גרויסן גליק ווערט זי געוווירר, אַז איר פרײַנד לעבט. אַז ער איז נישט אַוועק פון דער שווייץ, בלויז געביטן זײַן אַלטן אַדרעס. דער חבר שרייבט נאָך אין זעלבן טאָג אַוועק אַן עקס־פּרעס־בריוו צום סטודענט און שרייבט אים וועגן דער גליקלעכער בשורה, אַז זײַן פרײַנדין לעבט און געפינט זיך אין ארץ־ישראל.

דער סטודענט, באַקומענדיק די ידיעה פון זײַן חבר אַז דינה לעבט, האָט ער קיין סך נישט געטראַכט און געקומען צו פאָרן אין ארץ־ישראל.

דאָס צונויפטרעפן זיך פון די צוויי יונגע מענטשן נאָך דעם גרעסטן בלוטיקן מבול איז געווען די שענסטע איבערלעבונג אין זייער לעבן, געווען פאַר דינהן אַ באַלוינונג פאַר אַלע אירע ליידן אין די שווערע מלחמה־יאָרן.

זיי זענען זיך לאַנג געלעגן אין די אָרעמס און בלויז זייערע טרערן האָבן גערעדט, אויסגעדריקט דאָס וואָס מיט ווערטער לאָזט זיך נישט אויסדריקן. דאָס זענען געווען טרערן־רייד פון גליק, פון לויבגעזאַנגען דעם גורל, וואָס ער האָט צוויי ליבנדיקע הערצער צונויפגעפירט.

אין אַ העלער אויסגעשטערנטער זומערנאַכט, אונטער די קלאַנגען פון חלוצישע געזאַנגען און פלאַקערנדיקע האָרא־טענץ זענען צוויי יונגע הערצער געוואָרן אויף אייביק פאַראייניקט — אונטער די פיר שטאַנגען פון אַ קיבוצישער חופה.

דאס סטאַווקע־געסל

(פאַרשוווּנדענע בילדער)

טיף און זומפּיק איז דאָס סטאַווקע־געסל אין וואַרשע. אַ גרויסע מרה־שחורה איז אויסגעשפּרייט איבער די איינגעהויקערטע הייזלעך, געבוי ווי איבער די גאָטספאָרכטיקע איינוווינער, וואָס לעבן מיט אָפענע אויגן און גיבן אַכט, אַז עס זאָל נישט געמינערט ווערן קיין איין האָר פון יידישקייט, וואָס איז אַרכיטעקטיש איינגעפונדעוועט אין יידישן לעבן מיט אַלע פּרטים.

די גאַס איז ווי איין גרויסער רינשטאָק. די קינדערלעך זענען געקליידט אין שמאַטעס. אָבער די שיינקייט גלאַנצט פון זייערע פּנימ־לעך, זיי שיינען פון גליק, וואָס זיי קענען זיך פריי וואַלגערן אין די בלאָטעס; אויף די טראָטואַרן ווערן געפירט גאַנצע געשעפטן. זיצט אַן אַלטע יידענע, וואָס פאַרקויפט באָבעס און וואַרט אויף אַ קונה און דערווייל שעפּטשעט זי אַ געבעט צו דעם, וואָס זיין נאָמען איז זי נישט ווערט צו דערמאָנען. נעבן איר געפינט זיך אַ געוועלבל פון צוקערלעך, ווו די פּאָדלאָגע איז שוואַרץ פון בלאָטע; אַפילו די הייסע זון האָט דאָ נישט קיין שליטה. אַ ביסל ווייטער געפינט זיך אַ פריזיערין, וואָס זאָרגט וועגן די קעפּ פון אָרעמע

ווייבער און אַלטע מיידן, אַז זיי זאָלן חן געפינען; אַ בייגל־יידענע מיט געשוואָלענע אָדערן אין די פיס זיצט נעבן אַ שניידער־וואַרשטאַט ווו אויף דער שוועל זיצט אַן איינגעהויקערטער טרעגער, וואָס עסט זיין מיטאָג, וואָס באַשטייט פון ברויט מיט אוגערקעס. נעבן אים זיצט אַ מעקלער, אַ פאַרטראַכטער, מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן, וואָס קוקן אַרויס מיט געבעט נאָך אַ קונה אָדער אַ געשעפטל. אַ ביסל ווייטער זיצן אייניקע, וואָס האָבן אין אַלגעמיין נישט וואָס צו טאָן און וואַרטן אויף אַ גוט רכילותל. און אין דעם אַלגעמיינעם בילד מישט זיך נאָך אַריין דאָס האַרציקע געלעכטער פון די קליינע, שמוציקע, אָבער דאָך הימליש ריינע קינדערלעך — און איר האָט דאָס בילד פון דעם סטאַווקער געסל אין אַ הייסן פרימאָרגן.

דאָס געסל פאַרמאָגט אויך רייכע חסידישע יידן, וואָס לאָזן זייערע קינדער לערנען אין גימנאַזיעס. עס וווינט דאָרט פערלמאַן, אַ רייכער חסיד, ביי וועמען עס פלעגן איינשטיין רבנים. נעבן אים וווינט ברוך עפשטיין, אַ גרויסער נדבן; הערשנפאָס — אַ גערער חסיד, וואָס פלעגט זיך פילן ביים רבין ווי אין דער היים. אַ ביסל ווייטער וווינט טייבעלע, אַן אלמנה מיט 6 קינדער, וואָס זענען דערצויגן געוואָרן אין מאָדערנעם גייסט.

נידעריקער האָט געוווינט משה דער שוסטער, זיין ווייב איז געווען שטענדיק אין מאַרק, און אַז משה פלעגט דאַרפן וויגן דאָס קינד, וואָס איז געלעגן אויף דער גאַלעריקע, פלעגט ער צובינדן זיך אַ שטריק צום פוס און אַזוי פלעגט ער וויגן דאָס קינד, נישט איבעררייסנדיק די אַרבעט. אַנטקעגן משהן האָט געוווינט מאיר דער מילך־ייד, אַ קליינער דאַרער פאַרשוין, וואָס ווען זיין באַשע האָט באַשלאָסן פון דער וועלט צו אַנטלויפן, איז ער לעבן איר טויטן קער־פער געלעגן און געיאָמערט: „באַשע, ווי האָסטו געהאַט דאָס יאַדעס מיך איבערצולאָזן מיט 6 קליינע ווערעמלעך ? !".

עס וווינט דאָרט אויך ר׳ פנחס׳ל, אַ טיש־זיצער ביים גערער

רבין, און אויך אַנדערע פרומע יידן, וואָס האָבן געהאַט און באַגראָבן קינדער און האָבן נישט געוווּסט פון אַ תכלית.

ר׳ פנחס׳ל, אַ לאַנגער פעסטער ייד, אַ שאַרפער גערער חסיד, אַ ייד אַ למדן, אַ שאַרפער קאָפּ, מיט שוואַרצע פייערדיקע אויגן, פלעגט שטענדיק טראָגן אַן אַטלאַסענע קאַפּאָטע. האָט געהאַט אַ ווייבעלע, אַ קליינס, אַ דאַרס, וואָס פלעגט שטענדיק אַרומגיין אין נאַכטהעמד מיט לאַנגע אַרבל, אַז די מאַנסבילן זאָלן נישט חשק האָבן צו איר. זיי האָבן געפירט אַ רייך לעבן. שטענדיק זענען געזעסן ביי זייער טיש טעג־עסערס. ר׳ פנחס׳ל האָט געפירט זיינע געשעפטן מיט נאָך אַ שותף, אַ מער מאָדערנער, היינטוועלטיקער פאַרשוין, וואָס האָט געוווינט אין אַ הויז מיט צוויי אַריינגענג — פלעגט האַלטן אַ יונגע שיינע שיקסע צו דערווירטשאַפט. די געשעפטן פלעגט ר׳ פנחס׳ל איבערלאָזן פאַר זיין שותף. ער אַליין פלעגט זיין מער אין דער היים און אַז מ׳פלעגט הערן געוואַלדן האָט מען געוווּסט, אַז ר׳ פנחס׳ל איז פאַרנומען אין דעם שותפ׳ס קיך... ס׳גאַנצע געשעפט פלעגט ער פירן מיטן שותף אָן ווערטער, נאָר מיט מימיק, אַ דריי מיטן גראָבן פינגער, אַ קוועטש מיט דער פלייצע, אַ שאָקל מיטן קאָפּ, אַ גלעט די באָרד, אַ פינטל מיט אַן אויג — און דער שותף פלעגט שוין וויסן די באַדייטונג.

און אַזוי האָט זיך געלעבט דאָס סטאַווקער געסל, רואיק, מיט טעגלעכע זאָרגן און מיט שמחות; מיט אירע איינוווינער: בעלי־מלאָכות, רייכע און אָרעמע, האָט אויפגענומען מיט פרייד יעדעס געלעכטער און געטרויערט מיט יעדן קרעכץ פון אירע איינוווינער.

שלש־סעודות ביים רבין

(אַ בילדל פון אַמאָליקן חסידישן לעבן אין וואַרשע)

ס'איז שבת בין השמשות. דער רבי געפינט זיך נאָך אין זיין „חדר מיוחד" און אין חסידים־שטיבל הערשט אַ שטילקייט, וואָס גיט צו דער האַלב־טונקלקייט אַ באַזונדערן רייץ, איידער דער רבי קומט אַריין פון דעם „טיש"...

דאָס „שטיבל" איז געפּאַקט מיט חסידים, וועלכע פירן צווישן זיך, גרופּקעסווייז, שמועסן וועגן אַמאָליקע צייטן...

ווען די שמועסן ענדיקן זיך, נעמען זיך די חסידים צו אַ פאַרדבקעטן חסידישן טאַנץ. צוערשט גייט עס פּאַמעלעך, פּאַמעלעך, אָבער וואָס ווייטער נעמט דער טאַנץ אָן אַלץ מער שטייגנדע התלהבות, ביז דער טאַנץ דערגרייכט די העכסטע התלהבותדיקע מדרגה...

נאָכן טאַנצן זעצן זיך אויס די מידע חסידים אַרום דעם לאַנגן טיש און עס פאַרקניפּט זיך ווידער אַ שמועס וועגן בעל־שם־טוב, וועגן „לובלינער חוזה", וועגן „שפת אמת", ביז זיי דערגייען צו ר' מענדעלע קאָצקער...

אַן אַלטער חסיד רייסט מיט אַ מאָל איבער דעם שמועס וועגן

די חידושים פון ר׳ מענדעלע קאָצקער און ער הויבט אָן צו דערציילן פון צייטן ווען פוילן האָט נאָך נישט געוווּסט פונעם גרויסן ליכט, וואָס מען רופט היינט חסידות, ווען דער רבי ר׳ אלימלך פון ליזשאַנסק און ר׳ מענדעלע זלאָטשעווער —ביידע פון גאַליציע, האָבן אָנגעהויבן אין פוילן צו פאַרשפּרייטן די חסידישע שיטות און דערנאָך ערשט איז נתגלה געוואָרן דער „לובלינער חוזה״ און דער „ייד הקדוש״ זכרונם־לברכה...

פון דער זייט שטייט אַרום טיש אַ גרופּע יונגע־לייטלעך, וואָס עסן נאָך „קעסט״ ביי זייערע שווערן און זיי ווייסן נאָך נישט פון קיין עול פּרנסה... ווען דער אַלטער חסיד פאַרענדיקט זיין דערציילן, הויבן זיי אָן צו ברומען אַ מאָדזשיצער ניגון און גייען איבער צו אַ וואָרקער זמרל און די עלטערע חסידים האַלטן זיי אונטער מיט אַ פּרומען באַ־באַ־באַ...

אָבער אַזוי ווי דער רבי באַווייזט זיך נאָר, ווערן אַלע שטיל און אין ענגן שטיבל ווערט מיט אַ מאָל אַ געשטופּעריי... אַלע ווילן

זיין נענטער צום רבין. אַלע ווילן זען דעם רבינס פּנים, אין וועלכן עס רוט דער רוח־הקודש... דער גבאי שרייט כסדר: שאַ... שטופּט אייך נישט... און דער רבי זיצט שוין אויף זיין בענקל, אויבנאָן. הערט זיך פּלוצים ווי דער רבי אַליין הויבט אָן צו מורמלען: „אתקינו סעודתא, בני היכלא", און ווען ס'קומט צו „מזמור לדוד" ווערט דעם רבינס שטים אַלץ העכער און העכער... און די חסידים פילן די מתיקות פונעם רבינס זאָגן דעם „מזמור לדוד"...

צו דער זעלבער צייט, ווען אין „חסידים־שטיבל" איז שוין געוואָרן היפּש טונקל, ווען אויף די ווענט האָבן זיך שוין אויסגעלייגט די שאָטנס פון די חסידים, האָבן זיך אין אַלקער אַרייך, וואָס איז דאָס צימער פון רבינס בת־יחידה, אָנגעהויבן איינציקווייז אַריינצושאַרן „געוועזענע" חסידישע בחורים, ווו זיי האָבן שוין געטראָפן די פון פריער געקומענע חברטעס פונעם רבינס טאָכטער און בעת איר פאָטער, דער רבי, האָט אין „שטיבל" געזאָגט תורה פאַר זיינע חסידים, האָט דאָס יונגוואַרג געפירט אָן ערנסטן שמועס וועגן אחד־העם און וועגן זיין „על פרשת דרכים"... וועגן רמב"ם און זיין „מורה נבוכים"... אויך ביי זיי האָט געהערשט די זעלבע הייליקייט ווי אין שטיבל, אין וועלכן זייערע עלטערן האָבן געשלונגען די ווערטער פון הייליקן רבין...

די חסידים האָבן זיך געקוויקט מיט די ווערטער פון זייער רבין און דאָס יונגוואַרג האָט שטיל, גאַנץ שטיל, אָבער מיט איבער־לעכער פרייד, און מיט דעם זעלביקן חסידישן ברען, זיך מתווכח־געווען וועגן ציוניזם און ארץ־ישראל...

אינעם טראַנס פון זייערע וויכוחים האָבן די פאַר פרייד ציטערנ־דיקע הענט פון די בחורים, עפּעס מיט הייליקער צאַרטקייט, באַרירט די הענט פון די מיידלעך און דערביי געפילט אַ נשמה־יתירהדיקע זיסקייט...

בינו־לבינו האָט זיך פונעם חסידים־שטיבל דערהערט אַ פרישער ניגון — אַ חסידישער ניגון, וואָס ווערט געזונגען בין מנחה־למעריב — און אויך דאָס יונגוואַרג האָט שטיל און באַדאַכט אָנגעהויבן צו מורמלען אַן אייגענעם ניגון...

פוןביידע עקן פונעם רבינס הויז האָבן זיך געהערט צוויי באַזונדערע ניגונים, און ווען פונעם חסידים־שטיבל האָבן זיך פלוצים דערהערט די ווערטער פון „הבדלה" — האָבן זיך פונעם רבינס טעכטערלס צימער, ווי שאָטנס, פון קיינעם נישט באַמערקט, אָנגעהויבן איינציקווייז אַרויסצושאַרן, צוערשט די בחורים און דערנאָך זייערע חברטעס...

פאַמעלעך, מיט געמאָסטענע טריט, האָט יעדער פון די בחורים אַהיים־שפּאַצירט און ביחידות שטיל זיך ווייטער צוגעברומט, נאָר אַ ביסעלע העכער, דעם ניגון וואָס ער האָט פריער געזונגען צוזאַמען מיט דער גאַנצער חברה אין אַלקער פון רבינס טאָכטער...

אסתרקע

אין אַ שטאָק־פינצטערער נאַכט, ווען דאָס שטעטל קאָזמע איז נאָך געלעגן פאַרזונקען אין אַ טיפן ווינטערדיקן שלאָף, האָבן אסתרקע און משה פאַרלאָזט זייערע היימען אין וועלכע זיי זיינען געבוירן און דערצויגן געוואָרן. אומבאַמערקט, ווי גנבים, האָט זיך יעדער פון זיי אַרויסגעשלײַכט פון דער שטוב, און טרעפנדיק זיך אויף דעם אָפּגערעדטן פלאַץ האָבן זיי זיך געלאָזט גיין מיט דעם וועג, וואָס פירט אין דעם נאָענטסטן שטעטל.

ווען זיי זענען אָנגעקומען אין שטעטל, איז שוין די זון געשטאַנען הויך אין הימל. די ביימער זענען געשטאַנען איינגעהילט אין ווייסע פראָסט־מלבושים, וועלכע האָבן געגלאַנצט און געשימערט מיט זייערע פראָסט־דימענטן. די הייזלעך זענען געשטאַנען איינגע־הויקערטע, ווי איינגעקאָרטשעטע פון פראָסט.

צום ערשטן מאָל נאָך זייער באַקאַנטשאַפט זענען אסתרקע און משה איצט געגאַנגען פראַנק און פריי געאָרעמט און צוגעטוליעט איינע צום אַנדערן.

אסתרס פאָטער האָט געהערט צו די רייכסטע יידן אין שטעטל, דערצו נאָך פון גרויסן יחוס. האָט ער גערעכנט צו טאָן אַ שידוך

פאַר זיין געראַטענער טאָכטער מיט אַ רייכן מחותן, וואָס זאָל אויך שטאַמען פון נישט קיין קלענערן יחוס ווי ער. אָבער דער מענטש טראַכט און — דער גורל לאַכט. ס׳האָט פּאַסירט פּונקט דאָס פאַרקערטע.

אסתרקעס פאָטער האָט זיין ציטערדיקע טאָכטער אַזוי שטאַרק געוואָלט אָפּהיטן פון שלעכטע געזעלשאַפטן, אַז ער האָט זי אַפילו נישט געשיקט אין אַן עפנטלעכער שול. מורא האָבנדיק, אַז זי קאָן זיך נאָך אָפּלערנען שלעכטע זיטן פון אירע שול־חברטעס. האָט ער פאַר איר צוגענומען אַ פּריוואַטן לערער. דאָס איז געווען משה. דער זון פון אַן אָרעמען מלמד, אָבער וועלכער האָט געשמט פאַר אַ גרויסן קענער און פאַר זייער אַ געבילדעטן מענטשן אויף פאַרשידענע געביטן.

ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט, האָט זיך אסתרקע פאַרליבט אין איר לערער מיט אַ הייסער ליבע און דער לערער אין דער שילערין — מיט נישט קיין קלענערן ברען. מיט יעדן טאָג זענען זיך די צוויי יונגע מענטשן אַלץ נעענטער געוואָרן. ס׳איז געוואָרן, ווי מ׳זאָגט, צוויי גופים און איין נשמה. ביידע האָבן אָבער איינגעזען, אַז דאָ, אין זייער שטעטל, קאָנען זיי אַפילו נישט חלומען וועגן אַ פאַראייניקונג. האָבן זיי באַשלאָסן צו אַנטלויפן קיין ארץ־ישראל.

★

עס ברעכט אויס די צווייטע וועלט־מלחמה. זיי גייען ביידע אין מיליטער. ער ווערט אַ בריגאַדיר און זי קומט אָן אין אַ מיליטערי־שער קאַנצעלאַריע. שפּעטער ווערט זי אַ קראַנקן־שוועסטער אין אַ מיליטערישן לאַגער. אין דער היים ווייסט מען ניט ווו זי איז אַהינ־געקומען. אסתר פאַרשטייט אַז די עלטערן קאָסט עס געזונט, אָבער העלפן קאָן זי נישט. זי טאָר נישט לאָזן הערן וועגן זיך, ווייל זי ווייס, אַז איר פאָטער וועט אָנווענדן אַלע מיטלען, כדי זי צוריק־

ברענגען אַהיים. אָן משהן פילט זי זיך טאָפּלט עלנט. אָבער זי געפינט אָן אינהאַלט און טרייסט ביים מטפל זיין זיך מיט קראַנקע און פאַרווונדעטע זעלנער.

אין דיגסט־פרייע נעכט ליגט זי אויף איר געלעגער און אַ טיפע בענקשאַפט נעמט זי אַרום, טראַכטנדיק וועגן איר געליבטן משה: „ווו איז ער איצט?" און זי הייבט אויף ביידע הענט צום הימל און בעט גאָט, אַז ער זאָל איר געליבטן באַשירעמען און באַשיצן פון דעם שונאס קוילן.

משה באַטייליקט זיך אין דער צייט אין פאַרשידענע שלאַכטן. עס פאַרגייען חדשים, און צווישן איינער פון די רשימות פון די געפאַלענע העלדן געפינט זי אין דער צייטונג אויך דעם נאָמען פון איר משהן.

נאָך אָט דעם שאָק האָט זי לאַנג נישט געקענט צו זיך קומען. אין דער ערשטער צייט פאַרלירט זי אין גאַנצן דעם אינטערעס און דעם ווילן ממשיך צו זיין איר לעבן. און אַז די שטאַרקע ווייטיקן האָבן ביסלעכווייז אָנגעהויבן ווערן לייכטער, האָט זי גענומען קלערן וועגן איר היים: „ווער ווייסט צי מיינע טייערסטע זענען נאָך דעם בלוטיקן מבול געבליבן לעבן?"

די מלחמה האָט זיך געענדיקט. איצט האָט זיך אָנגעהויבן דער פאַרביטערטער קאַמף מיט דער מאַנדאַטן־רעגירונג, מיט די ענג־לענדער, וואָס איז בעת דער מלחמה איבערגעריסן געוואָרן.

אין איינער אַ נאַכט איז אסתר באַשטימט געוואָרן אָפּצוואַרטן ביים ים־ברעג, אויפצונעמען אומלעגאַלע עולים, וועלכע דאַרפן אָנקומען מיט אַ שיפל. ס'איז געווען אַ שטורעמדיקע פינצטערע נאַכט. די כוואַליעס האָבן ווילד גערוישט. אָט האָבן זיי בערגלדיק זיך דערהויבן און באַלד פאַרשווונדן, און ווידער אַ מאָל זיך צע־שטורעמט.

אַ ליכטל, וואָס האָט אַרויסגעלויכטן פון אַ פענצטער אין אַ ווייטן שטיבל, האָט באַדאַרפט אָנווייזן דעם שיפל די ריכטונג,

דעם ברעג, ווו זיך אָפּצושטעלן. ווען דאָס שיפעלע האָט זיך דערנענ־טערט צום ברעג זענען די עולים בגניבה אַראָפּ אויפן ארץ־ישראל ברעג. צווישן די מעפּילים האָט מען אויך געפונען אַן אַלטן ייד, וואָס איז געלעגן כמעט אין גסיסה. לעבן אים איז געלעגן אַ קינד פון אַ יאָר 4—5.

אַ מאַטראָז האָט דערציילט, אַז ווען דער אַלטער איז נאָך געזונט געווען, האָט ער אים דערציילט, אַז דאָס קינד איז זיינס אַן אייניקל, אַ מיידעלע פון אַ טאָכטער, וועלכע איז אומגעקומען און דאָס קינד איז על־פּי נס געבליבן לעבן. וואָס שוואַכער דער אַלטער איז געוואָרן — האָט דערציילט דער מאַטראָז — וואָס מער ער האָט געפילט אַז זיינע טעג זענען געציילטע, אַלץ שטאַרקער האָבן זיך זיינע הענט איינגעקלאַמערט אין דעם קינד.

פילנדיק זיך שוין אויף דער ארץ־ישראלדיקער ערד, האָט דער אַלטער נאָך אויסגעשעפּטשעט די ווערטער:

— איצט קאָן איך שוין רואיק שטאַרבן. איצט איז מיין אייניקל אין דער היים... צווישן אייגענע... און זיינע אויגן האָבן זיך אויף אייביק פאַרמאַכט.

אסתרקע האָט זיך איינגעקוקט אין דעם אַלטנס פּנים און אַרויסגעלאָזט אַ ווילד געשריי:

— טאַטע! — ליבער טאַטע! — האָט זי זיך צעוויינט און צו אים געשעפּטשעט:

— ביסט אויסגעגאַנגען איידער דו האָסט מיך דערזען, מיך, דיין געליבטע טאָכטער! טאַטע! כ׳האָב נישט זוכה געווען דיך מקבל־פּנים צו זיין אַ לעבעדיקן, טאַטע!..

אָבער דער אַלטער האָט שוין אירע ווערטער נישט געהערט.

אסתר האָט דאָס קינד, איר לייבלעך פלימעניקל, גענומען צו זיך און געפונען אַ טרייסט אינעם דערציען דאָס יתומל ווי אירס אַן אייגן קינד.

דאס שטעטל קאלאביעל

די יידישע שטעטלעך אין פוילן, אין וועלכע עס האָט געברויזט און געריזלט אַ לעבעדיק און קאָלירפול יידיש לעבן, לעבן היינט בלויז נאָר אין אונדזער זכרון. די וואָס וועלן קומען נאָך אונדז, — אונדזערע קינדער און קינדס־קינדער — וועלן וועגן אָט די שטעט־לעך זיך דערוויסן בלויז פון דער היסטאָריע, זיי וועלן לייענען וועגן די יידישע שטעט און שטעטלעך אין די ווערק פון מענדעלע מוכר ספרים, שלום עליכם, פּרץ, ווייסענבערג, אַש און אַנדערע שרײַבער — אויב די קומענדיקע יידישע דורות וועלן נאָך האָבן אַן אינטערעס צו לייענען זייערע ווערק.

דאָס יידישע שטעטעלע קאָלאָביעל האָט געהאַט זיין אייגענעם כאַראַקטער, זיין אייגענעם שטייגער, זיין ספּעציפישע פיזיאָגנאָמיע. האָט בלויז פון דער גרויסער שטאָט, פון צענטער, גענומען דאָס נייע, דאָס מאָדערנע, דאָס וואָס די גרויסע שטאָט, פון איר זייט האָט גענומען פון (אָפט נישט־יידישן) דרויסן. געפּרוווט נאָכמאַכן דאָס גרויס־שטאָטישע, וואָס האָט נישט תמיד באַרייכערט דאָס שטעטל, נאָר אָפט גיכער אָרעמער געמאַכט, ווייל דאָס וואָס דאָס

שטעטל האָט גענומען פון דער שטאָט איז זעלטן געווען צוגעפּאַסט צו זײַן מאָס...

ווען איך פלעג נאָך יאָרן זיין אין וואַרשע באַזוכן מיין שטעטל, האָב איך געהאַט דאָס געפיל, אַז דאָס האָבן זיך קינדער פאַרשטעלט פאַר גרויסע, זיך אָנגעטאָן זייערע קליידער, נאָכגעמאַכט זייערע קולות, זייערע העוויות און תנועות...



דאָס שטעטל האָט אָבער אָפּט נישט דערשאָצט זיינע נאַטירלעכע אייגנשאַפטן, זיין פיזיאָגנאָמיע, זיין אייגנאַרטיקייט.

דאָס שטעטל האָט אין די לעצטע יאָרן פאַרן חורבן געהאַט אַ טייערע יוגנט, וואָס האָט געשטרעבט נאָך וויסן, נאָך בילדונג. די יוגנט האָט באַזוכט ליטעראַרישע אָוונטן, געגאַנגען צו רעפעראַטן, געפירט דיסקוסיעס וועגן פאַרשידענע אַקטועלע פראַגן. געווען טעטיק אין אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען און אין געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס.

די דאָזיקע יוגנט פון די קליינע שטעטלעך איז געווען דער אַוואַנגאַרד וואָס האָט אויפגעבלאָזן די פייערן פון פאַרשידענע באַוועגונגען, נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע.

פון אָט די קליינע יידישע שטעטלעך האָבן זיך אויסגעפיקט אונדזערע קלאַסיקער, שרייבער, דיכטער, מנהיגים, וועלכע האָבן שפּעריש באַרייכערט דאָס יידישע לעבן, די יידישע און אַלגעמיינע קולטור.

און אָט די גייסטיקע פייערן האָט דער גרעסטער פון אַלע עמלקים, היטלער, ימח שמו וזכרו, אויסגעלאָשן. פאַרניכטעט אונדזער קרוין — די יוגנט.

איז זאָל יעדער, אין וועמענס זכרון עס איז געבליבן איינגע־קריצט יענע רייכע יידישע תקופה, רעדן און שרייבן זכרונות וועגן אונדזער יוגנט אין די שטעטלעך.

נאָך אונדז וועלן אפילו קיין זכרונות וועגן אַמאָליקן יידישן שטעטל נישט בלייבן.

א בליכול אויף אן אונבאקאנטן קבר

(דעם אָנדענק פון שמעון ווייסבוים הי״ד)

שמעון ווייסבוים איז געבוירן געוואָרן אין וואַרשע, אין יאָר 1910, ביי אָנגעזעענע חסידיש עלטערן. זיין פאָטער ר׳ אהרון־דוד איז געווען איינער פון די הויפט־חסידים פון גער. אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, בעת דער גרויסער טיפוס־מגיפה, איז זיין פאָטער געשטאָרבן, איבערלאָזנדיק אַ פרוי מיט 5 קליינע קינדער. שימעלע איז נאָך דעמאָלט נישט אַלט געווען קיין גאַנצע 5 יאָר.

זיין מוטער איז געווען פאַרנומען מיט מפרנס זיין אַ שטוב מיט קינדער און שימעלען איז זייער שווער אָנגעקומען צו ענדיקן די ישיבה. ווען ער האָט זי געענדיקט, האָט ער באַקומען היתר־הוראה.

שימעלע איז געגאַנגען אין די דרכים פון זיין פאָטער, ר׳ אהרון־דוד. געווען, ווי ער, אַ הייסער גערער חסיד. אויף יעדן יום־טוב געפאָרן צום גערער רבין.

ער איז געווען אַן אַקטיווע און דינאַמישע נאַטור. געווען טעטיק אין פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס. געווען אַ פרייער צוהערער פון „ווסעכניצע" אין וואַרשע.

איין מאָל, אין אַ שבת, ביים דאַווענען, אין לייזער מינצס שטיבל אויף פאַוויע־גאַס, האָט מען באַמערקט, אַז שימעלע האָט זיך גענומען צושערן די באָרד, און אַז ער גייט אָנגעטאָן אין אַ געשטייפטן קאָלנער. מען האָט אָנגעהויבן אין שטיבל שמועסן אַז ער איז, פאַר קיין יידן געדאַכט, געכאַפּט געוואָרן אין דער מעשה, ד. ה. געוואָרן אַ נאָענטער מחותן מיט משכילים. די חסידים האָבן אָנגעהויבן מורא האָבן אַז

ער זאָל מיט זיין אַפּיקורסות חלילה נישט אָנשטעקן אויך זייערע זין, האָט מען אים אָנגעהויבן רודפן.

אַלס פּראָטעסט קעגן זייער פאַנאַטישקייט האָט שימעלע פאַר־לאָזט דאָס שטיבל און אויך אויפגעהערט פאָרן צום גערער רבין.

אַ שטיקל צייט איז ער געווען טעטיק אין „אגודת־ישראל״.

אין יאָר 1925 איז געגרינדעט געוואָרן די רעליגיעז־סאָציאַליס־טישע אָרגאַניזאַציע „דת ועבודה״. איר גייסטיקער מנהיג איז געווען פּראָפעסאָר שטיינבערג. אַ צייט לאַנג איז שימעלע דאָרט געווען טעטיק. געוואָרן איינער פון אירע צענטראַלסטע פיגורן.

איך געדענק: ס׳איז געווען נאָכן ערשטן צוזאַמענפאָר פון „דת ועבודה׳ אין ווין. האָבן זיך אַ גרופּע חברים צוזאַמענגעטראָפן ביי שימעלען אין שטוב. ס׳איז געווען אין אַ שבת בין־השמשות. ס׳האָט זיך אַנטוויקלט אַ הייסע דיסקוסיע אויף דער פראַגע: צי קאָן געמאָלט זיין רעליגיע אויף סאָציאַליסטישע יסודות? האָט זיך שימעלע אָנגערופן: „חברים, לאָמיר בעסער מאַכן אַ ריקודל נאָך שלש־סעודות. וועט איר זען אַז רעליגיעזע טראַדיציע און סאָציאַ־ליזם קאָנען גיין האַנט אין האַנט״...

נישט לאַנג געטראַכט, האָבן זיך הענט פאַרלייגט אויף אַקסלען און עס איז אַוועק אַ פלאַקערדיקער חסידיש־התלהבותדיקער טאַנץ.

מ׳האָט שוין לאַנג געמאַכט הבדלה, און אויך שוין מחדש געווען די לבנה, אָבער דער „סאָציאַליסטישער״ טאַנץ האָט זיך נאָך אַלץ נישט אָפּגעשטעלט...

שמעון ווייסבוים און פּנחס וואַסערמאַן האָבן ביים אויסבראָך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה געאַרבעט אין וואַרשעווער דזשוינט.

ווען דאָס געטאָ האָט געברענט איז שימעלע, מיט נאָך חברים, געשטאַנען אויף דער מויער און געוואָרפן האַנט־גראַנאַטן. ביז זיין לעצטן אָטעם־צוג האָט ער נישט פאַרלאָזט די פּאָזיציע. ער איז געשטאָרבן מיט אַ העלדנטויט אין יאָר 1943.

השם ינקום דמו!

שרהלע

שרהלע איז נאָך נישט אַלט געווען קיין צען יאָר ווען איר פאָטער איז געשטאָרבן. זי האָט אָנגעהויבן פילן דעם טעם פון אַ קליינער יתומה, פון נעמען אויף זיך דעם שווערן עול פון דעם עלטסטן קינד אין שטוב, זיך אָפּגעבן מיט די קלענערע קינדער, אין דער צייט ווען די מוטער האָט אין דרויסן געדאַרפט זוכן פרנסה, כדי אויסצוהאַלטן די שטוב.

דער פאָטער, ר׳ משה מרדכי, איז געווען פון די אָנגעזעענסטע גערער חסידים. נאָך זיין טויט איז דער זיידע געוואָרן דער גייסטיקער דערציער פון די קינדער. ער איז געווען אַ גרויסער תלמיד־חכם און אַ ייד אַ שווייגער. שרהלע האָט קיין מאָל נישט געוווּסט ווען ער איז צופרידן און ווען נישט, ווען ס׳איז אים גוט און ווען שלעכט.

שרהלע האָט מיט קנאה געקוקט אויף קינדער אין אירע יאָרן, וועלכע ווערן פון פאָטערס געפירט ביים הענטל, געגלעט און געצערטלט. זי איז נאָך געווען צו יונג, כדי צו קאָנען אויסדריקן אין ווערטער איר ווייטיק, צו פרעגן פאַרוואָס זי איז אַזוי געשטראָפט

געוואָרן? פאַרוואָס אויף איר איז אויסגעפאַלן אַזאַ ביטערער גורל. זי האָט נאָר געפילט, אַז ס׳איז איר שווער, ס׳איז איר שלעכט.

די צייט איז דערווייל נישט געשטאַנען אויף איין אָרט. די קינדער, צוזאַמען מיט שרהלען, זענען געוואַקסן, אויסגעוואַקסן. שרהלע האָט געענדיקט די גימנאַזיע, וואָס ס׳איז איר דערמעגלעכט געוואָרן צוליב דעם וואָס זי איז געווען אַן אויסגעצייכנטע שילערין און דערפאַר לייכט באַקומען לעקציעס, געלערנט אַנדערע קינדער פון די קלענערע קלאַסן. זי איז געוואָרן אַ פרייע צוהערערין אין אוניווערסיטעט. און אויך די אַנדערע קינדער זענען געווען געראָטענע. די מוטער האָט זיך מיט זיי באַרימט, זיך געגרויסט. דאָס איז געווען איר טרייסט דער איינציקער לוין פאַר איר ביטער און שווער לעבן.

שרהלע איז אויסגעוואַקסן אַ שיין מיידל, געווען מיט אַלע מעלות: קלוג, געבילדעט און געהאַט אַ גאָלדן האַרץ, גרייט זיך מוסר־נפש

צו זיין, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן העלפן אַ ליידנדיקן, הונגעריקן אָדער קראַנקן.

דער ברודער, דער עלטסטער פון די קינדער, איז געווען אַ גרויסער למדן, איז געוואָרן מרא דאתרא. ער איז מיט זיין גוטסקייט, פעיקייט און חכמה, געווען ענלעך צו זיין עלטערער שוועסטער.

שרהלע איז געווען אַ ליידנשאַפטלעכע לייענערין. זייענדיק נאָך אַ יונג מיידעלע פלעגט זי תמיד פאַרברענגען ביים לייענען די מעשיות פון חומש און תנ״ך. שפּעטער האָט זי געלייענט די וויכטיקסטע ווערק פון דער שפּאַנישער „גאָלדענע תקופה״. געלייענט די ווערק פון אבן גבירול, זיך באַגייסטערט מיט די נאַציאָנאַלע און נאַטור־לידער פון דעם גרעסטן יידישן פּאָעט פון מיטלאַלטער — ר׳ יהודה הלוי. זיינע ציון־ און ים־לידער האָט זי כמעט געקענט אויף אויסנווייניק. איר איז געבליבן איינגעקריצט אין זכרון (און דער עיקר — אין געמיט), זיין ליד ווי ער זינגט: „איך בין אין מערב און מיין האַרץ איז אין מזרח״.

זי האָט זיך אין איר פּריסטער יוגנט אָנגעזאַפּט מיט בענק־שאַפט נאָך יענעם לאַנד, וואָס איז ביים יידישן פאָלק קיין מאָל נישט אויסגעלאָשן געוואָרן. אין אַלע דורות האָט מען, אין פאַרשידענע וואַריאַנטן און נוסחאות, געצערטלט דעם חלום פון שיבת־ציון. אָט דער חלום, האָט זי געוווסט, האָט געגעבן כוח און געדולד אַריבערצוטראָגן אַלע רדיפות, שחיטות און שייטערהויפנס פון די המנס און עמלקים פון אַלע צייטן.

קומענדיק קיין ארץ־ישראל האָט זי דערפילט די וואַרעמקייט וועלכע זי האָט אין דער אַלטער היים, זייענדיק אַרומגערינגלט פון גוישער שנאה, קיין מאָל נישט געפילט. דאָ, אין לאַנד, האָט זי ממשיך געווען אירע עפנטלעכע הילפס־אַרבעטן. און דאָ האָט זי אויפגעבויט איר היים אויף פעסטע און זיכערע יסודות. אויפגעוּ־

שטעלט אַ פֿאַמיליע, דערצויגן קינדער אין רעליגיעזן און נאַציאָנאַל־טראַדיציאָנעלן גייסט. איר חסידישע היים האָט זי קיין מאָל נישט פֿאַרגעסן, נישט פֿאַרגעסן אָט דעם גרויסן למדן, וואָס פֿלעגט מיט פּראָסטע יידן לערנען די פּרשה פֿון דער וואָך, און מיט לומדים אַ בלאַט גמרא מיט תּוספֿות, און זי האָט זיך באַמיט, אַז אירע קינדער, וואָס זענען שוין געבוירן אין לאַנד, דערצויגן אין אַ נייעם גייסט, לויט דער נייער צייט, זאָלן אויך נישט פֿאַרגעסן זייער אָפּשטאַם: עס זאָל נישט איבערגעריסן ווערן די גאָלדענע קייט פֿון דער טראַדיציאָנעלער יידישקייט.

מינסק־מאַזאָוויעצק

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט דאָס פּוילישע שטעטל מינסק מאַזאָוויעצק, נעבן וואַרשע, זיך צוריקגעקערט צו אַ נאָרמאַל און פרידלעך לעבן. צו אַ ניי לעבן האָט אויפגעוואַכט אויך די יידישע גאַס און אין די ערשטע רייען זענען געווען די יוגנטלעכע, וועלכע האָבן זיך גרופּירט אַרום דעם באַגייסטערטן קעמפער פאַר נאַציאָ־נאַלער באַפרייונג יחיאל קוצקאָווסקי.

עס איז געווען דער פרילינג פון דער יידישער נאַציאָנאַלער ציוניסטישער אויפלעבונג אין קליינעם שטעטל, ווען אַלץ אַרום האָט רעוואָלטירט און זיך געריסן צו נייע ווערטן, צו אַ נייעם לעבנסציל, כדי זיך צו דערהויבן צום אל־על.

דרייסט איז געווען דער געדאַנק, שאַרף די שפּראַך, דאָס האַרץ האָט געשטורעמט מיט אומבאַגרענעצטער ליבע צום אייגענעם פאָלק און מיט האַס צו די אונטערדריקער פון יידישן פּרט און כלל, מיט באַגער אויסגעלייזט צו ווערן. מיט טיפן גלויבן אין דער גערעכטיקייט האָט די יידישע יוגנט געהאָפט, אַז זי קען און וועט ברענגען די יידישע גאולה.

אין דער צייט ווען דער אַלטער דור האָט זיך אויסגעלעבט אין די שטיבלעך און בתי־מדרשים האָט די יוגנט זיך געלאָזט אויף נייע וועגן און זיך אויפגעבויט אַן אייגענע פּרעכטיקע וועלט פון שטאָלץ, פון זעלבסטאָנערקענונג, און זיך געזען אין דער ראָל פון יענע צדיקים, וואָס האָבן נישט געוואָלט וואַרטן אויף משיחן, נאָר אים אַראָפּברענגען מיט כוח צום יידישן פאָלק.

די ציוניסטישע באַוועגונג איז געווען די פּראַקטישע ראַם, אין וועלכער די נאַציאָנאַל־געשטימטע יוגנט האָט זיך אָרגאַניזירט, כדי צו פאַרווירקלעכן דעם טרוים פון אויפלעבונג און זעלבסט־באַשטימונג אויפן אייגענעם באָדן.

די יוגנט האָט אָנגעהויבן קוקן אויף זיך מיט שטאָלץ און אויף דער אַרומיקער וועלט — מיט דרייסטן אַרויסרוף. יעדער איינער האָט

געוואָלט אַריבערגיין פון וואָרט צו טאַט, און האָט עס דערגרייכט אין די ראַמען פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע.

די אַלע שטורמישע געדאַנקען פון עליה און מרידה צווישן דער יוגנט האָט פאַרקערפּערט אין זיך דער יונגער שטיל־פּאַרטראַכטער און אויסערלעך פלעגמאַטישער, אָבער אינערלעך ברויזנדיקער קעמ־פער יחיאל קוצקאָווסקי.

יחיאל האָט זיך אויסגעצייכנט מיט פיל תמימות, געשוועבט אין די וואָלקנס. געלייענט בגניבה השכלה־ביכער, אַז זיינע פאַנאַטישע עלטערן זאָלן נישט זען. אַ זון פונעם שטעטלשן שוחט, פלעגט ער אין די הייסע זומערדיקער פרייטיק־אָוונטן, ווען דאָס יום־טובדיקע, נשמה־יתירהדיקע ווען איז מקבל דעם שבת מיט ליבע און התלהבות — צונויפרופן די יונגע בחורים און בחורות אויף די פעלדער הינטערן שטעטל און דיסקוטירן איבער ציוניסטישע פּראָבלעמען. און ווען אַלע פלעגן זיך צעוואַרעמען אין די דיסקוסיעס, פלעגט יחיאל נעמען זיין בחורה, אַוועק אין אַ זייט און מיט באַגייסטערונג דערציילן וועגן זיין פעטער יעקב, וואָס האָט מיט דער גאַנצער משפחה אויסגעוואַנדערט קיין ארץ־ישראל און לעבט פון ערד־אַרבעט און ברענגט די גאולה יעדן טאָג. און יחיאל פלעגט מיט שטראַלנדיקע אויגן שילדערן דאָס לעבן אין עמק, דאָס קאָמונע־לעבן פון די חלוצים אין עין־חרוד, אַרום דעם קוואַל, ווו דער שופט גדעון האָט אַמאָל צוזאַמענגערופן די ערשטע יידישע מחנות.

איין מאָל, ווען יחיאל האָט זיך צעפלאַקערט מיט התלהבות און געשילדערט אין פּרעכטיקע פאַרבן דאָס לעבן אין הייליקן לאַנד — האָט ער פלוצלונג דערזען דעם זיידן גיין פון שול מיט נאָך צוויי יידן. יחיאל האָט געוואָלט אַוועק, נאָר דער זיידע האָט

אים באַמערקט און צוגערופן צו זיך: ער האָט באַטראַכט יחיאלן, צי ער טראָגט ציציות און אַלס שטראָף, וואָס ער געפינט זיך מיט אַ מיידל ביחידות, האָט דער זיידע אים באַפוילן צו פאַסטן צוויי טעג. און יחיאל האָט גערן אָנגענומען די שטראָף.

אָט אַזוי האָט די יוגנט געלעבט, געטרוימט און געקעמפט פאַר אַ שיינער, פרייער און גערעכטיקער וועלט, זיך געריסן צו די הויכקייטן און געזיגט. זי האָט זיך אַרויסגעריסן פון דער ענגשאַפט, פון גלות און זיך פונאַנדערגעוואַקסן אין אַ שטאַרקן, וווּנדערבאַרן בוים וואָס הייסט ישראל.

חיים זרח פֿאָרט אויף חופֿש

חיים זרח איז אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן, איז שטאַרק אָפּגעהיטן און פּינקטלעך, ווי אַן אויסגערעגולירטער זייגער. ער האָט נאָך קיינמאָל קיין באַן נישט פֿאַרשפּעטיקט. און טאָמער גייט ער אין טעאַטער, וועט ער שוין ביים ערשטן קלונג זיצן אויף זיין פּלאַץ. אַ נאָכמיטאָג־שלאָף איז ביי אים ווי אַ געבאָט פֿון באַרג סיני. און טאָמער באַשליסט חיים זרח אַ טערמין צו פֿאָרן אויף חופֿש, ליגט ביי אים אין טאַש נאָך מיט זעקס מאָנאַטן פֿריער אַ בריוו פֿון אַ פּענסיאָן, וואָס פֿאַרזיכערט אים, אַז אין דעם־און־דעם טאָג שטייט גרייט פֿאַר אים אַ צימער.

נאָר, ווי זאָגט מען עס ביי יידן: וואָס ס׳איז באַשערט — ווערט ניט פֿאַרפֿאַלן.

איז חיים זרחן איינגעפֿאַלן, אַז דאָס יאָר פֿאָרט ער נישט אין קיין פּענסיאָן. ער וועט זיך ליבערשט אַרויסלאָזן איבער גאָטס וועלט: צופֿאָרן קיין חיפֿה, באַזוכן זיינע באַקאַנטע דאָ און דאָרט, זיך דורכשמועסן מיט זיי — פֿאָרט אַלטע פֿריינד. וועט מען זיך דערמאָנען געשיכטעס פֿון אַמאָליקע יאָרן, און היינטיקע ציטן איז דאָך איבערהויפּט דאָ וועגן וואָס צו רעדן מיט אַ מענטש.

האָט חיים זרח אין אַ מזלדיקן דינסטיק איינגעפּאַקט דעם טשע־מאָדאַן, צעקושט זיך מיט זיין ווייב און אין אַ געבענטשטער שעה אָנגעהויבן זיין רייזע.

ס׳הייסט אָנגעהויבן זיין רייזע?

ווי נאָר ער איז צוגעקומען צו דער סטאַנציע פון די טאַקסיס, ווייזט זיך אַרויס, אַז אַלע טאַקסיס קיין חיפה זענען נאָך אינדערפרי געווען פאַרנומען ביזן לעצטן פּלאַץ. טראַכט ער, אַז די וועלט גייט נישט אונטער. אַז מען קען נישט פאָרן מיט קיין טאַקסי — פאָרט מען מיט אַן אויטאָבוס. אָבער ווער זאָל זיך דאָס ריכטן? אַזוי באַלאַגערט מיט מענטשן? טראַכט חיים זרח: פאַרפאַלן, וועט מען פאָרן מיט דער באַן. „כאַפּט ער" אַן אויטאָבוס צו דער באַן, ס׳הייסט נישט ער כאַפּט, נאָר ער שוויצט זיך אַריין אין אַן אויטאָבוס און — נישט פאַר אייך געדאַכט — די באַן איז אַנטלאָפן פריער...

נאָר, אַז חיים זרח האָט באַשלאָסן, מעג עס אים קאָסטן אָנשטרענ־

גונגען. און ער האָט זיך קיין חיפה דערשלאָגן אַרום עלף אַזייגער אין אָוונט, אַ מידער און אויסגעקוועטשטער, ווי אַ ציטרין.

זיין חיפהר קוזין, ביי וועמען ער האָט אָנגעקלאַפּט, איז שוין געהאַט געשלאָפן. דאָך אַ שיכורער פון שלאָף האָט ער געעפנט די טיר:

— אַ, חיים זרח, טאַקע אַ גאַסט. וואָס עפּעס אַזוי שפּעט? ביסט אַוודאי הונגעריק?

חיים זרח האָט זיך אַרומגעקוקט איבערן איינציקן צימער, וואָס איז פול געווען מיט בעטן און אַלע בעטן זענען געווען פול...

חיים זרח האָט געזאָגט פאַרשעמט:

— ניין, ניין, חלילה, איך האָב גראָד געגעסן. איך האָב נישט געוווּסט, אַז ביי דיר גייט מען אַזוי פרי שלאָפן. כ׳מיין, ס׳איז נישט די צייט. איך וועל קומען מאָרגן.

— חס ושלום, — זאָגט דער קוזין — וועסט שלאָפן ביי מיר.

נאָר קיין פריי בעטל איז נישט געווען. גראָד האָט דער קוזין דעם טאָג געהאַט נאָך אַ גאַסט, אַ שוועסטערקינד פון אַ משק, אַ מיידל אין די יאָרן, וואָס לויט דעם ווי זי האָט אַרויסגעשטעלט דעם קאָפּ פון אונטער דער קאָלדרע, האָט זיך חיים זרחן געדאַכט, אַז אַלע שיקלענישן פון דער וועלט האָבן זיך פאַרקליבן אין אירע אויגן... בלית ברירה האָט דער קוזין געמאַכט פאַר חיים זרחן אַ געלעגער אויף דער ערד, צווישן זיין ווייבס בעט און דעם בעט פון זיין שוועסטערקינד.

חיים זרח האָט זיך געדרייט אויפן אומבאַקוועמען האַרטן געלעגער, דער הונגער האָט אים געגרוישט אין די געדערים, געצופּט ביים לעפעלע און דאָס פאַרזעסענע מיידל איז געווען זיכער, אַז דאָס שלאָפט ער נישט צוליב דעם וואָס ער טראַכט וועגן איר און אויך זי האָט זיך געדרייט אויפן געלעגער...

באַגינען האָט אים דער קוזין איבערגעבעטן, ער מוז לויפן צו דער אַרבעט. מערטשעם, נאָך דער אַרבעט וועלן זיי זיך טרעפן און זיך טאַקע אַדורכשמועסן. אַ קלייניקייט, אַזוי לאַנג זיך נישט געזען.

חיים זרח האָט באַמערקט, אַז ער איז עפּעס דאָ אַ פינפטער ראָד צום וואָגן, האָט ער זיך אָפּגעזעגנט און געטראַכט, אַז ער וועט צופאָרן צום נייעם שיכון, ווו ס'וווינט זיינס אַ יוגנט־חבר, אַן אייגענער מענטש.

ווייזט זיך אַרויס, אַז צום נייעם שיכון דאַרף מען פאָרן מיט צוויי אויטאָבוסן, וואָס אַז דו כאַפּסט איינעם אַנטלויפט דיר דערוויַיל דער צווייטער. נאָר, מילא, מען איז דאָך צווישן יידן, וועט מען אָנקומען אַ ביסל שפּעטער.

אין אַ מזלדיקער שעה איז חיים זרח אָנגעקומען אין נייעם שיכון, זיך אויסגעפרעגט ביי די פאַרבייגייער און אין דער צרכניה, ווו עס וווינט זיין חבר. איינער האָט אים געשיקט אַהער, דער צווייטער אַהין, ביז ער האָט געטראָפן אַ פרוי, וואָס איז גראָד זיין חברס ווייב. האָט ער שוין דערוויַיל גענומען ביי דער פרוי איינעם פון די צוויי שווערע קוישן און געהאָלפן איר אַהיים טראָגן די קאַרטאָפל און די ירקות, וואָס זי האָט באַקומען אויף פונקטן. אויפן וועג האָט זי אים דערציילט וועגן שווערן לעבן. זי ווערט אויסגעריסן, דער מאַן אַרבעט אין עכו און פאָרט יעדן טאָג אַהין און צוריק. ס'איז דען אַ לעבן?

חיים זרח האָט זיך געוואָלט גלייך אָפּגעזעגענען, אָבער ווי קען ער עס אַוועקוואַרפן דעם קויש? ס'איז דאָך זיין חברס פרוי. און וואָס וועט זיין חבר זאָגן וועגן זיין גראָבקייט. איז חיים זרח אָנגעקומען אין שיכון אַ פאַרשוויצטער, אַ פאַרמאַטערטער, מיט אַן אָנגעהאַקטן קאָפּ מיט פונקטן, מיט צרות. צוויי קליינע ייִנגלעך לויפן אַנטקעגן דער מוטער, רייסן די קוישלעך.

— קינדער, דער דוד איז דעם טאַטנס חבר, געקומען צו גאַסט — זאָגט די מוטער צו אירע קינדערלעך.

און ווי נאָר חיים זרח האָט זיך אַוועקגעזעצט און גענומען אַ שלוק וואַסער, האָבן זיך די צוויי קינדערלעך גענומען צו אים: איינער האָט זיך אַרויפגעזעצט אויף די אַקסלען און געמאַכט פון אים אַ רייטפערד, דער צווייטער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף זיינע קני און געמאַכט פון אים אַ הוידלקע. הכלל, נאָך אַ פּאָר מינוט האָט חיים זרח געפילט, אַז ער ווערט צעגאָסן פון שוויס, די כוחות פאַרלאָזן אים, האָט ער מיט אַ פאַרשוויצטן שמייכל אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די קינדער און זיך אָפּגעזעגנט, ער האָט וויכטיקע געשעפטן אין חיפה, מערטשעם אין אָוונט וועט ער ווידער קומען און זיכער טרעפן זיין בעסטן פריינד, זיין יוגנט־חבר...

איז וואָס טוט מען מיט זיך? — טראַכט חיים זרח. ער וואָלט צוגעפאָרן צו זיין אַלטן חבר בעריש בליימאַן, נאָר יענער וווינט אַ ביסל וויט, און דאָ ברענט די היץ. נאָר אָט פאָרט אַדורך אַ ליידיקע טאַקסי. טאַקע ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן. חיים זרח ציט זיך אויס אין דער טאַקסי מעשה פריץ.

— קריית־חיים, — זאָגט ער זאַרגלאָז.

חיים זרח האָט דעם צופאַל מיט דער טאַקסי אָנגענומען אַלס גוטן סימן און ער האָט זיך טאַקע שנעל דערפרעגט ווו עס וווינט זיין אַלטער חבר, בעריש בליימאַן. און ער איז טאַקע אַראָפּגעפאַלן ווי פון הימל, וואָרום גברת בליימאַן איז געווען ממש פאַרצווייפלט. דאָס קינד אין לול אויפן גראָז האָט שטאַרק געוויינט און אין קיך האָט געברענט דער פּרימוס...

— מיין בעריש? ער וועט שוין אַוודאי באַלד קומען פון דער אַרבעט — זאָגט די גברת בליימאַן — זעצט זיך צו אויפן גראָז און טוט מיר אַ טובה, פאַרשפּילט דאָס קינד, וואָרום דער פּרימוס מאַכט מיך משוגע.

זי האָט דאָס קינד אַרויסגענומען פונעם לול און עס דערלאַנגט חיים זרחן און אַליין געלאָפן צום פרימוס. חיים זרח האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיטן קינד. ער האָט עס געשענקט אַ פינגער אין מיילכל, געשיקלט מיט די אויגן, געקלאַפּט מיט דער צונג, נאָר אָנשטאָט דאָס קינד זאָל זיך באַרויִקן האָט עס אים נאָס געמאַכט און ער איז אויפגעשפּרונגען אַ פאַרציטערטער.

— סליחה, — זאָגט אים גברת בליימאַן, ווען זי קומט צו לויפן פון קיך — ביז מיין מאַן וועט קומען וועט זיך עס אויסטריקענען...

— איר ווייסט, — שטאַמלט חיים זרח — נעמט פון מיר צו אַ ווײַלע ס׳קינד, וואָרום איך האָב עפּעס וואָס צו דערליידיקן אין אַ שכנותדיקער גאַס. איך וועל מערטשעם באַלד צוריקקומען.

און חיים זרח גנבעט זיך אַרויס, ניט ער גנבעט זיך אַרויס. נאָר ער ראַטעוועט זיך אַרויס און לויפט צום אויטאָבוס, אָבער דער אויטאָבוס אַנטלויפט אים פון אונטער דער נאָז, און ער הייבט אָן גיין צו פוס, און די היץ ברענט און דער הונגער נאָגט אים אונטערן לעפּעלע, עס פאַרדרייט זיך אים דער קאָפּ. און אַזוי גייענדיק, האַלב שיכור, דאַכט זיך אים, אַז ער געפינט זיך אין אַ בית־הבראה, נאָר דאָס וואָס ער שוויצט, נעמט זיך פון דעם, וואָס ער נעמט זונבעדער, וואָס וועלן אים שטאַרק צו ניץ קומען פאַר זיין רעוומאַטיזם...

אַ שפּאַציר קיין אילת

מיר פֿאָרן קיין באר־שבע. דער אויטאָ שנײַדט ממש דעם גלאַטן אַספֿאַלט־שאָסיי, לויפֿט מיט אַ טיוולאָנישער שנעלקייט.

פֿון ביידע זייטן שאָסיי גרינען די באַגראָזטע בערגלעך, אויף וועלכע עס פּאַשען זיך גרויסע מחנות שאָף. דערנעבן זילבערט זיך אַ וואַסער, אַרום וועלכן ס'ליגט אויסגעשפּרייט אַ בעדואינער־שבט מיט זיינע געצעלטן פֿון גרינע און שוואַרצע לייוונטן. צווישן די געצעלטן רוען קעמלען אין פֿאַרגליווערטער טעמפּקייט, דער אויטאָ יאָגט ווייטער מיט האַסטיקייט. מיר פֿאָרן פֿאַרביי חרובע הייזלעך, וואָס שטייען פֿאַריתומט ביים וועג.

די איינוווינער פֿון באַר־שבע — אברהם אבינוס שטאָט — זענען נאָך געשמאַק געשלאָפֿן, ווען מיר זענען אַדורכגעפֿאָרן די הויפּט־גאַס, וואָס טראָגט דעם נאָמען יום־העצמאות. די הייזלעך זענען שאַכמאַטיש פֿונאַנדערגעשטעלט. אין די שויפֿענצטער פֿון די פֿאַר־שלאָסענע געשעפֿטן זאָגן אונדז אָן קאָלירטע פּלאַקאַטן, אַז היינט אין אָוונט קענען מיר טאַנצן אין דעם גרויסן קאַפֿע־רעסטאָראַן, וויפֿל דאָס האַרץ גלוסט, אָדער מיר קענען זיך אויסקלייבן אַ פֿוטבאָל־מעטש צווישן מכבי און הפועל. מודעות מעלדן אונדז

ווו עס קומען פאַר רעפּעראַטן, פּאַרטיי־אונטערנעמונגען, און מיר באַקומען דעם איינדרוק אַז אין אברהם אַבינוס שטאָט פּולסירט אַ פּילפאַרביק יידיש לעבן.

אַ ביסל ווייטער האָבן זיך געטראָגן פון די פענצטער שבתדיקע זמירות. פּאַרשפּעטיקטע מתפּללים זענען געגאַנגען מיט די טליתים אונטער די אָרעמס. די הייזלעך האָבן געבלאַנקט פון ווייסקייט, ווי זיי וואָלטן זיך אויסגעוואַשן לכבוד שבת... די הויפּטגאַס איז געווען פאַרפולט מיט שפּאַצירנדיקע. יעדעס ווינקעלע — פול מיט קינדער, אַלע צוזאַמען האָבן פאַרגעשטעלט דאָס פילפאַרביקע בילד פון קיבוץ־גלויות.

מיר לאָזן הינטער זיך דעם גאַנצן רעש און מיר פאָרן ווייטער צו די פאָספאַטן־גריבער פון נגב.



מיט צוויי יאָר צוריק האָבן געלערנטע אויסגעפאָרשט, אַז אין מכתש הגדול איז דער באָדן פול מיט פאָספאַט, וואָס דינט אויף אויסצואַרבעטן קינסטלעריש מיסט פאַר די פעלדער, אין וועלכן מיר נייטיקן זיך זייער שטאַרק. ס׳איז שפּעטער געגרינדעט געוואָרן די געזעלשאַפט אין וועלכער עס נעמען אויך אָנטייל פּריוואַטע פירמעס. איצט אַרבעט מען דאָרט מיטן גאַנצן טעמפּאָ.

דער מכתש געפינט זיך 55 קילאָמעטער פון באר־שבע, אָבער ביז מען מאַכט דורך דעם וועג שאַפט זיך דער איינדרוק אַז מען האָט שוין דורכגעמאַכט הונדערטער קילאָמעטער, ספּעציעל די לעצטע פּאָר מייל, פון אילת ביז די גראַבנס. ווען מען פאָרט אַריין אין דעם מכתש אַנטדעקט זיך אַן אויסטערלישע וועלט פון גראָע און ברוינע בערג און אין דער מיט אַ טיפער טאָל. פּלוצים דערזעט איר ווי אַ באַרג, וואָס זעט אויס ווי אַן אייזל־קאָפּ, ווייזט אייך דעם וועג אין וועלכער ריכטונג צו פאָרן.

דער לאַגער באַשטייט פון איינצלנע לייוונטענע געצעלטן און צוויי גוטמוטיקע הינט, וואָס זענען אויסגעבענקט נאָך מענטשן. דערווייל אַרבעט מען מיט פּרימיטיווע מיטלען, די אַרבעטער זענען נאָך נישט אויסגעשולט, אָבער מיט דער צייט וועט אַלץ ווערן מאָדערני־זירט. מיט דער הילף פון שטאַרקן ווילן און פּיאָנערישער פלייס וועט דאָס ווינקעלע זיין איינס פון די שענסטע און רייכסטע פון לאַנד.

וואַסער מוז מען ברענגען פון באר־שבע מיט טאַנקען. אויב עס ווערט קראַנק אַן אַרבעטער פירט מען אים איבער קיין באר־שבע. און אַזוי פירט זיך דאָס לעבן פון מענטשן, וואָס זענען אין עלטער פון 20 ביז 30 יאָר, וועלכע שטאַמען פון צענדליקער לענדער. די אַרבעט האָט געשאַפן אַ ברידערלעכע סאָלידאַריטעט און ליבשאַפט פון איינעם צום צווייטן, זיי האָבן ליב באַקומען זיך און די ווילדענישן מיט זייערע שיינקייטן, יעדער איינער פילט זיך ווי אַ פּיאָנער און איז שטאָלץ מיט דעם. דער איינציקער טרוים איז, אַז עס זאָל זיך אַנטוויקלען אויף דעם אָרט אַ ישוב. מען זאָל בויען שיכונים און אָנפאַנגען צו פירן אַ נאָרמאַל פאַמיליען־לעבן. ווי עס דערציילט אַן אַרבעטער, קען ער זען זיין פרוי איין מאָל אין דריי וואָכן, ווייל זיין פרוי וווינט אין באר־שבע. אַ צווייטער, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט צוויי חדשים צוריק באַקלאָגט זיך, אַז ער מוז טיילן זיין ליבע אַזוי: 3 וואָכן פאַר די בערג און איין טאָג פאַר דער פרוי.

ער האָט ליב דעם נגב, אָבער אויך זיין פּרוי, און זיין איינציקער טרוים איז, צו האָבן אַ שיכון נעבן זיך, דאַן וועלן די פעלדזן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פּראַכט־באָדן און די בערג וועלן זאָגן שירה...

און ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן און איבערן לאַגער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַן אויסגעשטערנטער הימל און די בערג האָבן זיך אָנגעצונדן פון די פלאַמען פון דער אונטערגייענדיקער זון, האָבן מיר באַוואונדערט די דאָזיקע פּראַכט, און מיר האָבן זיך געלאָזט פאָרן צוריק, קיין תל־אביב.

אַ סדר־נאַכט אין אַ צה״ל־מחנה

ביי די פיין־ געדעקטע טישן זענען געזעסן די אוראַיינִיקלעך פון די אורזיידעס, וואָס זענען מיט טויזנטער יאָרן צוריק אַרויס פון מצרים, פון קנעכטשאַפט צו נאַציאָנאַלער באַפרייאונג.

די שטימונג איז געווען אַ פריידיקע, אַ יום־טובדיקע, אַ גאָר געהויבענע. באַפרייטע פון אַלע טאָגזאָרגן האָט מען זיך געפילט ווי אמתע בני־חורין.

די טישן זענען געווען סערווירט לויט אַלע אָפּגעהיטענע, טראַדיציאָנעלע מינהגים און כיד־המלך. פון אויבן אָן האָט מען געזען גוט באַקאַנטע פאַלקספירער און לאַנד־באַשיצער. די אין לאַנד גוט באַקאַנטע פּערזענלעכקייטן האָבן הינטער זיך אַ רומפולע היסטאָרישע פאַרגאַנגענהייט פון נאַציאָנאַלער באַפרייאונג. מ׳האָט געזען דעם הרב הגאון שליט״א, וואָס האָט אָנגעפירט מיטן צערע־מאָניאַלן אָפּריכטן דעם סדר. די הגדה האָט ער אויסגעזונגען התלה־בותדיק און אויך מכבד געווען די חשובע געסט — טישזיצער, מיטן זאָגן קאַפּיטלעך פון דער הגדה. יעדער גאַסט האָט באַקומען צו־געטיילט איין קאַפּיטל צוגעפּאַסט לויט זיין אַמט, פּערזענלעכקייט און כאַראַקטער. אין דעם פרילינגדיקן אָוונט, וואָס האָט געשימערט

מיט טויזנטער לייכטנדיקע שטערן־אילומינאַציעס אויפן טונקעלן נאַכטיקן הימל, האָבן אָפּגעקלונגען די געזאַנגטע און געזונגענע הגדה־קאַפּיטלעך: „צא ולמד״, „ביד חזקה ובזרוע נטויה״, „עשר מכות״, „דם ואש״ א.א. די געזאַנגען און דאָס פּאַרלייענען האָבן זיך האַרמאָניש צוזאַמענגעגאָסן מיטן ריטמישן, צעשטורעמטן, צע־

כוואַליעטן ים־סוף. מאָמענטנווייז האָט זיך געדאַכט, אַז מרים הנביאה זאָגט דאָס איר ים־שירה. אַ גאַר באַזונדערן רושם האָבן געמאַכט די קליינע אויסגעפּוצטע קינדערלעך וואָס האָבן כאָראַל געפרעגט די קושיות „מה נשתנה״, וואָס זענען באַלד פּאַרענטפערט געוואָרן מיטן באַוווסטן „עבדים היינו״.... מיט טויזנטער יאָרן צוריק האָבן יידן געקנעכטעט אין מצרים און גאָט האָט זיי באַפרייט פון דער קנעכטשאַפט, און באַפוילן משה רבינו זיי אַרויסצופירן פון מצרים, אַריבערגעפירט דעם ים, געגעבן זיי פרייהייט.

מעכטיק און אימפּאָזאַנט איז געווען דאָס צוגנבענען דעם אַפּיקומן פון הרב הגאון שליט״א, פון איינעם פון די לאַנדפירער

ביים טיש, דאָס אויסלייזן דעם אַפיקומן האָט אַרייַנגעבראַכט פיל הייטערקייט, פריילעכקייט ביי די טויזנט צוויי הונדערט געסט.

ביז האַלבער נאַכט האָט מען געזונגען, געטאַנצט אונטער דעם פרייען, באַשטערנטן הימל ביים ברעג פון ים־סוף, ווו די יידן זענען אַרויס פון מצרים. די הילכיקע געזאַנגען פון די טענצער און זיך ווילנדיקע און דער שטורמישער ים־געריוש האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין אַ ווונדערבאַרער מוזיק.

צו מאָרגנס, מוצאי חג, איז אויפסניי אָפּגעריכט געוואָרן אַ מסיבה במקום קרבן פסח, ביים ברעג פון ים־סוף. דער הרב הגאון שליט״א און דער כאָר בראש מיטן חזן הראשי פון צה״ל האָבן אָנגעפירט מיטן אימפּאָזאַנטן אָוונט, מיטן עסן דעם כבש לזכר הקרבן. די געזאַנגען און די הילכיקע טענץ זענען זיכער דערגאַנגען צו די ברעגעס פון דער אַנדערער זייט גרענעץ — צום שונא.

דעם ערשטן טאָג חול המועד זענען אַ טייל געסט אָפּגעשווומען מיט אַ שפּאַציר־שיף אויפן ים־סוף. ווו מ׳האָט זיך גאָר פריילעך פאַרווײַלט.

דער יום־טוב האָט זיך פאַרענדיקט מיט התלהבותדיקע טענץ און געזאַנג פון די דערוואַקסענע און קינדער.

א חתונה אין שטאט

לעבעדיק און פאַרביק האָט עס אויסגעזען, ווען עס האָבן געשטראָמט הונדערטער געסט. די פרויען — אָנגעטון אין די שענסטע טואַלעטן, געניית לויט דער לעצטער מאָדע. די מענער — אין עלעגאַנטע טונקעלע מלבושים.

ביים אַריינגאַנג אין זאַל שטייען די עלטערן פון חתן און נעמען אויף די געסט. פון חתנס צד האָט מען געקענט זען פראָמינענטע ציוניסטישע, געזעלשאַפטלעכע טוער, צייטונגס־מענטשן, אַדוואָ־קאַטן, ריכטער און דג״ל, מענטשן פון שטאַנד.

צווישן די געסט פון כלהס צד זענען געווען, דאָס רוב, די עלטסטע בויער פון לאַנד. מענטשן, וואָס זענען געווען פון די ערשטע קיבוצים־גרינדער, יאָרן פון שווערער פראַצע האָבן געלייגט דעם חותם אויף זייערע ווינט־געברוינטע, האַרטע פּנימער.

די מוזיק שפילט. די אונטערפירערס פירן חתן־כלה צו דער חופּה. די כלה געהערט שוין מער צו דער שטאָט ווי צום דאָרף. פּאָר איר, וואָס דער פּאָטער האָט זי געלאָזט לערנען און דערציען אין שטאָט, איז דאָס דאָרף שוין צו ענג געוואָרן. דער געטומל, דער טעמפּ און דער לעבנס־שטייגער פון שטאָט האָט זי געלאָקט.

איר פאָטער איז שוין אין לאַנד אַדורכגעגאַנגען אַלע שוועריקייטן, געטריקנט זומפּן, געאַרבעט ביי בויען כבישים, ביי פלאַנצן וועלדער, געווען מיטגרינדער און מיטבויער פון דערפער און קיבוצים. אויס־געפּיבערט אַלע פּיבערן. איצט לייכטן זיינע אויגן פון פרייד און גליק. דערלעבט צו פירן צו דער חופּה זיין קינד. איר באַשערטער איז דער, וועמען זי האָט געוואָלט, וועמען זי האָט זיך געווונטשן.

אָבער דעם פאָטערס גליק איז נישט גאַנץ. די איבעריקע פאַמיליען־מיטגלידער, די נאָענטסטע און טייערסטע זענען אומגע־קומען, אומגעבראַכט געוואָרן פון נאַצישע הענט.

דעם חתנס פאָטער דערמאָנט זיך איצט, ווי זיין פאָטער האָט אים געפירט אונטער דער חופּה. ער איז נאָך דעמאָלט געווען אַ חסידיש בחורל, אָנגעטון אין אַן אַטלאַסענער קאַפּאָטע. דער פאָטער און די מחותנים אין שטריימלעך. די מאַמעס פון חתנס און כלהס צד — אין די שייטלען. די באָבעס אין די קופּקעס. עס שוועבט

אים נאָך פאַר די אויגן דאָס מצווה־טענצל. מען האָט זיך געהאַלטן נישט פאַר די הענט, נאָר פאַר די שפּיץ טיכלעך. חסידים האָבן געטאַנצט, קודם פּאַמעלעך, צנועדיק, פאַרדבקעט, ווי סע פּאַסט פאַר חסידים. נאָר וואָס ווייטער איז דער טאַנץ געוואָרן אַלץ לעבעדי־קער, התלהבותדיקער, פלאַקערדיקער.

אין זיינע אויערן קלינגען נאָך די שטימען פון די חסידישע בחורימלעך, וואָס זענען געווען אויף זיין חתונה־מאָל. ער דערמאָנט זיך נאָך די שמועסן, וואָס זענען געפירט געוואָרן, שמועסן וועגן בעש״ט הקדוש, וועגן לובלינער חוזה, וועגן דעם שפת־אמת. ביז מען איז דערגאַנגען צו ר׳ מענדעלע קאָצקער און דעם ייד הקדוש.

די בילדער שווימען פאַר זיינע אויגן ווי אַ פילם־לענטע.

ס׳האָט גאָרנישט לאַנג געדויערט, האָט ער זיך אָנגעהויבן אינטערעסירן מיט אחד־העם, אָנגעהויבן לייענען השכלה־ביכלעך. ער לערנט דעם רמב״ם, „מורה נבוכים״, פאַרשטייט זיך, פאַרגאַנבע־טערהייט. ווייל דער זיידע איז געווען אַ יוצא־ונכנס אין גערער הויף, ממש געווייקט אין חסידות.

די מאַמע פון דער כלה האָט מיט פופציק יאָר צוריק פאַרלאָזט איר רוסיש שטעטל און אָנגעקומען אַלס חלוצה קיין ארץ־ישראל, כדי צו העלפן בויען דאָס לאַנד, וואָס איז דעמאָלט נאָך געווען וויסט און לער.

דעם חתנס מוטער פאַרמאָגט אַ ייחוס־בריוו וואָס ציט זיך אַזש ביז דוד המלך. אויך איר האַרץ קוועלט איצט פון גליק און נחת. עס איז איר איינציקער זון, איר אויג־אין־קאָפּ. זי האָט אים דערצויגן, יעדן טאָג געקוקט אים אין די אויגן, געציטערט, עס זאָל אים חלילה קיין מכשל נישט געשען. ער האָט געענדיקט די גימנאַזיע „הרצליה״ און גלייך פון גימנאַזיע אַוועק פאַרטיידיקן דאָס לאַנד. האָט זיך דערוואָרבן אין צבא אַ הויכן אָפיציר־ראַנג. דערצויגן הונדערטער יוגנטלעכע צופים. אויף זיין פּנים איז אויסגעקריצט

מוט און עקשנות, יידיש־נאַציאָנאַלער שטאָלץ. עס ליגט אויף אים אויסגעגאָסן דער חן און די איידלקייט פון יידישע דורות, פון זיינע שוואַרצע אויגן גליט אַרויס דאָס פייער פון אהבת־ישראל — די ירושה פון זיידעס און עלטער־זיידעס.

די באַגייסטערטע עלטערן, זעענדיק ווי זייערע קינדער שטראַלן פון גליק, זענען אויך זייערע הערצער אָנגעפילט געוואָרן מיט פרייד און נחת, און פריידטרערן האָבן געגלאַנצט אין זייערע אויגן. באַזונדערס זענען די טרערן געפלאָסן פון יענע טיפע קוואַלן, פון וואַנען עס פליסן אייביק (סיי פון פרייד און סיי פון לייד) — טרערן פון יידישע מאַמעס...

טאטע־מאמע
צו גאסט ביים זון אין נגב

שׂמחת־תּורה ביינאַכט. אַלע זיצן ביים יום־טובדיקן מאָלצייט. די אַלטע טאַטע־מאַמע, דער זון, די שנור, דאָס אייניקל.

נאָכן עסן גייט דער זון אַוועק אויף שמירה. די שנור מיטן אייניקל זענען מיד און שלעפעריק און גייען שלאָפן. טאַטע־מאַמע אָבער קאָנען נישט באַשליסן צו גיין שלאָפן. זיי פעלט די הקפות, די פריילעכע שׂמחת־תּורהדיקע טענץ. זיי קאָנען נישט אַראָפּשלינגען די וואָכעדיקייט פונעם זונס שטוב. די ימים־טובים פון די אַמאָליקע יאָרן זענען טיף איינגעקריצט אין די הערצער און געמיטער פון אַלטע לייט, זיי קענען נישט פאַרגעסן יענע יאָרן, ווען די גאַנצע משפּחה האָט נאָך געלעבט, געווען צוזאַמען. הייגט איז פון דער משפּחה קיינער נישט געבליבן. היטלער, ימח שמו וזכרו, האָט אַלע אומגעבראַכט. און צוזאַמען מיט זיי זענען אויך אָפּגעווישט געוואָרן די שפּורן פון די אַמאָליקע ימים־טובים, זענען אויך פאַרשטומט געוואָרן די מתוקותדיקע יידישע ניגונים און געזאַנגען.

טראַכט דער אַלטער: אפשר וועלן זיך אין אַט דער מדבר נאָך

געפינען אייניקע הייזער, ווו פונקט ווי זיי זענען אויך טאַטע־מאַמע געקומען באַזוכן זייערע קינדער, און פונקט ווי ער און זיין אַלטע בענקען אויך זיי נאָך אַ יום־טובדיקן ניגון. נאָך אַ ביסל יום־טובדיקע פרייד ?

די אַלטע לייט גייען אַרויס אין גאַס, קוקן זיך איין אין די פענצטער פון די אַרומיקע הייזלעך, אפשר וועט פון איינעם פון זיי אַרויסשפּאַרן אַ ביסל שמחת־תורהדיקע פרייד, אַרויסקלינגען אַ שמחת־תורהדיקער ניגון.

ניין, קיין סימן פון דעם אַלעמען. די פענצטער פון די אַרומיקע הייזער זענען אָדער אינגאַנצן פינצטער, אָדער קוים באַלויכטן. זעצן זיך די אַלטע לייט אַוועק אויף אַ באַנק, וואָס זיי טרעפן שטיין ביים וועג. די וועגן זענען פוסטע און וויסטע, זאַמדיקע. זיצן זיי אויף דער באַנק און עס דאַכט זיך זיי, אַז פון דער וויטנס הערט זיך עפּעס אַ געדויש, דומפּע קלאַנגען, ווי פון אַ הוילן פאַס אַרויס. הייבן זיך די אַלטע אויף און לאָזן זיך גיין נאָך אָט די קלאַנגען, האַלטנדיק



זיך ביי די הענט, ווי קינדער וואָס האָבן מורא זיך נישט צו פאַרלירן איינער פון אַנדערן. דער וועג איז אַ שווערער, אַ נישט ברוקירטער, אַ זאַמדיק־שטיינערדיקער. אָפּגייענדיק אַ שטיקל וועג, זעען זיי אַז עס לייכט פון דער ווייטנס. גייען זיי ווייטער אין דער ריכטונג פון דעם ליכט, וואָס ווערט אַלץ גרעסער, העלער.

נאָך לאַנגע, שווערע אָנשטרענגונגען קומען זיי צו אַ פענצטער פון אַ צריף און הערן זיך איין. זיי הערן כאָרכלענדיקע קלאַנגען פון תימנער יידן. אַ שטוב מיט קינדער. די פרויען זיצן מיט זויגקינדער אויף די בעטן, ווייל קיין בענקלעך זענען אין שטוב נישטאָ. דער צריף איז באַלויכטן פון אַ נאַפט־לעמפל. איצט זעען די אַלטע לייט אַז דאָס קלאַפּט אַ תימנער מיט שטעקעלעך אויף אַ בלעך פון נאַפט צום טאַקט פון די טאַנצנדיקע. די תימנער זענען באַגייסטערט פון זייערע פלאַמענדיקע שמחת־תורה טענץ. אויפן טיש שטייט כיבוד און משקה. דערזעענדיק די אַלטע טאַטע־מאַמע, איז מען גיך אַריינגעלאָפן אין שכנישן שטיבל און אַריינגעבראַכט צוויי בענקלעך פאַר די אַלטע לייט אויף צו זיצן.

דעם אַלטן נעמט אַרום אַ גרויסע פרייד. תימנער יידן, יידן וואָס זענען אים פרעמד מיט דער שפּראַך, מנהגים און שטייגער־לעבן. אָבער פאָרט אייגענע, די זעלבע יידן, מיט די זעלבע ספרי־תורהס, מיט דעם זעלבן יידישן גאָט און דעם זעלבן יידישן גורל...

און נישט לאַנג טראַכטנדיק איז דער אַלטער אַריין אין ראָד, פאַרלייגט הענט אויף אַקסלען און שוין איז ער פאַרפלאָכטן געוועזן אין אַ פלאַקערנדיקן שמחת־תורה׳דיקן פריילעכן טאַנץ.

אַזוי האָט ער געטאַנצט ביז ווייט נאָך חצות. און אַ צעשטראַלטער, נישט פילנדיק קיין מידקייט, זיך געלאָזט גיין אַהיים מיט זיין אַלטער. נישט פאַרשעמט דעם הייליקן יום־טוב, נישט צעשטערט די פרייד פון פרייען זיך, פון טאַנצן מיט דער תורה. מקיים געוועזן די מצווה פון שמחת־תורה!

מידע, אָבער צופרידענע, זענען זיי אהיימגעקומען, ווען ס׳האָט שוין באַלד אָנגעהויבן טאָגן.

דער זון און די שנור זענען געווען אומרואיק, אַרומגעלאָפן זוכן די אַלטע. „ווו זענט איר אַזוי לאַנג געווען? — פרעגט דער זון. — מיר האָבן דאָך שוין נישט געוווּסט וואָס איבערצוקלערן״!

— האָט נישט קיין מורא, קינדער — האָט דער אַלטער אַ פריילעכער געענטפערט — אַבי עס זענען אין דער דאָזיקער מדבר נאָך דאָ יידן, וועלן מיר שוין נישט פאַרפאַלן ווערן...

דער לעצטער סדר

חיה־שרהלע איז געווען די רייכסטע און גרעסטע יחסנטע אין שטעטל. זי האָט געגעבן אַ סך צדקה, חתונה געמאַכט אָרעמע כלות, שטאַרק געהאַלטן פון דער מצווה הכנסת־אורחים. געפירט אַ ברייט, רייך הויז, געהאַט עטלעכע דינסטן. יעדע דינסט האָט געהאַט אַ באַזונדער צימערל. די קינדער האָט זי געהאַלטן שטרענג אויפן אויג. זי האָט געהאַט אין שטוב די דעה. שטענדיק געווען פאַררעשט, פאַרפּאַרעט מיט דער גרויסער באַלעבאַטישקייט.

זי האָט געשטאַמט פון גרויסן יחוס. געווען אַ גרויסע חכמה. פון שטעטל איז מען צו איר געקומען עצות פרעגן. די געשעפטן זענען אַוועק זייער גוט. געווען דאָס רייכסטע געשעפט אין שטעטל. דער מאַן, ר׳ בעריש, איז געווען אַ גרויסער למדן. געזעסן יומם ולילה און געלערנט. די געשעפטן האָבן געפירט פרעמדע, אָבער מענטשן אויף וועלכע מען האָט זיך געקאָנט פאַרלאָזן. ר׳ בעריש פלעגט נאָר אַריינקומען אין קאַנטאָר איין מאָל אין טאָג, אַדורכקוקן די חשבונות און דאַן ווידער אַוועק אין בית־המדרש צו דער גמרא. ר׳ בעריש איז אויך געווען אַ הייסער חסיד. מקרב געווען אָרעמע מענטשן, פלעגט לערנען מיט פּראָסטע יידן די

פרשה פון דער וואָך, און מיט לומדים — אַ בלאַט גמרא מיט תוספות. ר׳ בעריש איז אויך געווען דער בעסטער בעל־תפילה אין שטעטל. פון זיין מתיקותדיקן דאַווענען פאַרן עמוד האָט מען זיך ממש געלעקט די פינגער. באַזונדערס אין די ימים־נוראים. ביי ר׳ בערישס טיש פלעגן שטענדיק זיצן אורחים. באַזונדערס פריילעך און פייערלעך האָט עס אויסגעזען ביי זיין פסחדיקן סדר וואָס פלעגט זיך פאַרציען ביז אין דער האַלבער נאַכט אַריין. די יינגלעך זענען אַלע געווען אויסגעפוצט אין נייע קאַפּאָטקעלעך און שטיוועלעך, מיידלעך מיט נייע קליידלעך און שיכלעך. דער „מלך״, אָנגעטון אין ווייסן קיטל, איז געזעסן אָנגעלענטערהייט אויבנאָן און די „מלכה״ איז געזעסן נעבן אים.

אַזוי איז אַוועק אַ יאָר נאָך אַ יאָר. די קינדער זענען דערוויייל אונטערגעוואַקסן. די קליינע מיידעלעך זענען געוואָרן פריילינס, כלה־מיידלעך. עס האָבן אָנגעהויבן קומען אין הויז אַריין שדכנים. מיט זיי האָט זיך פאַרנומען חיה־שרהלע די שדכנים האָבן אָנגעבאָטן די רייכסטע, יחוסדיקע שידוכים. זיי האָבן געהאַט אויף „לאַגער״ די בעסטע חתנים, שאַרפע עילוישע קעפּלעך, וואָס די וועלט האָט מיט זיי געקלונגען.

אַזאַ איידעמל איז געבליבן זיצן אויף קעסט ביי שווער־און־שוויגער.

יאָרן זענען געלאָפן. ביים סדר זענען איצט שוין געזעסן איידעמס מיט גאָלדענע זייגערלעך און שנורן, יום־טובדיק אויסגע־פוצטע. ס׳זענען אויך שוין געזעסן אייניקלעך. די קרישטאָלענע כוסות האָבן געלויכטן מיט טויזנטער פאַרביקע פייערן. דאָס אָפּריכטן דעם סדר איז פאַרמערט געוואָרן מיט נייע, יונגע שטימען, יעדער צוגעקומענער איידעם האָט מיטגעבראַכט זיין חסידישן נוסח, זיין ניגון. איז דער סדר איצט געווען אַ מין סימפאָנישער אָרקעסטער מיט כלערליי מוזיקאַלישע אינסטרומענטן...

נאָך „רחצו" האָבן די דינסטן אָנגעהויבן דערלאַנגען צום טיש די פסחדיקע מאכלים וואָס האָבן פאַרכאַפּט מיט זייערע געשמאַקע ריחות. די שטוב האָט זיך געטונקט אין אַ ים פון ליכט.

באַלד נאָך פסח איז ר' בעריש קראַנק געוואָרן. דאָקטוירים זענען יעדן טאָג געקומען, פאַרשריבן פאַרשידענע רעצעפּטן, ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן. האָט מען באַשטעלט גרויסע דאָקטוירים און פּראָפעסאָרן פון דער פרעמד. זיי האָבן דעם חולה אונטערזוכט און שווייגנדיק געצויגן מיט די אַקסלען. קיין האָפענונג האָבן זיי דער פאַמיליע נישט געקענט געבן. דער גורל פון דעם קראַנקן איז ביי זיי שוין געווען אַ געחתמעטער.

דאָס גרויסע געשעפט האָבן אין דער צייט איבערגענומען די זין מיט די איידעמס.

דאָס געשעפט האָט אָנגעהויבן גיין אַלץ ערגער און ערגער. ס'האָט נישט לאַנג געדויערט און ר' בעריש איז נפטר געוואָרן. דאָס גאַנצע שטעטל האָט געטרויערט אויף זיין טויט.

די פאַרצווייגטע געשעפטן, אָנגעפירט דורך נישט קיין פאַכלייט און נישט קיין סוחרים, זענען געוואָרן אַלץ ערגער און ערגער. נישט נאָר עטלעכע, נאָר אַפילו איין איינציקע פאַמיליע האָט דאָס געשעפט איצט נישט געקענט דערנערן. די טאָכטער, וואָס האָט געוווינט מיט איר גרויסער פאַמיליע אין עלטערן־הויז, האָט פּלוצעם אָנגעהויבן פילן אַז עס איז איר אומבאַקוועם צו וווינען צוזאַמען מיט דער מאַמען... און דעם איידעם איז אַוודאי נישט געווען צום האַרצן צו וווינען צוזאַמען מיט דער שוויגער. איז חיה־שרהלע אַ מאָל געגאַנגען וווינען צו דער עלטערער, אַ מאָל צו דער יינגערער טאָכטער, אַ מאָל צו איין זון, אַ מאָל צו אַן אַנדערן. אָבער איבעראַל איז די מאַמע שוין, נאָך אַ קורצער צייט וווינען, געוואָרן „אומבאַקוועם". די טעכטער האָבן נישט געקענט פאַרטראָגן וואָס די מאַמע פּלאָנטערט זיך זיי כסדר אונטער די פיס, וואָס זי מישט זיך אין קיך־זאַכן,

די זין ווידער האָבן נישט געקענט פאַרטראָגן וואָס די פרויען זייערע פילן זיך ווי געפּענטעט, קאָנען זיך נישט פריי באַוועגן אין אָנוועזנהייט פון דער שוויגער.

די מאַמע איז קראַנק געוואָרן. האָבן די קינדער באַשלאָסן אַריינצוגעבן די מאַמע אין אַ מושב־זקנים. די מאַמע האָט זיך מיט טרערן אין די אויגן געבעטן:

— קינדערלעך, טרייבט מיך נישט אַוועק פון אייך. איך קאָן נישט זיצן ביי פרעמדע טישן, מיט פרעמדע מענטשן, און וואַרטן אויפן טויט. לאָזט מיך זיין ביי אייך. גיט מיר דאָס קלענסטע שטיבל, וועל איך זיין צופרידן, אַבי נישט אין דער פרעמד, אַבי זיין מיט מיינע קינדער און אייניקלעך.

אָבער די קינדער האָבן זיך נישט צוגעהערט צו דער מוטערס רייד. נישט געענדערט זייער באַשלוס.

אַז ס׳איז געקומען דער באַשטימטער טאָג, האָט מען חיה־שרהלען אַריינגעגעבן אין אַ מושב־זקנים.

אין אָנהייב זענען נאָך די קינדער פון צייט צו צייט געקומען זי באַזוכן. נאָר וואָס אַ מאָל זענען די באַזוכן געוואָרן אַלץ זעלטענער.

יעדן פסח פלעגן זיך די קינדער צונויפנעמען און פּראַווען אַ געמיינזאַמען סדר. אָבער איצט אָן דער מאַמען. מען האָט זיך גוט פאַרווײַלט, זיך געלאָזט ווױלגײן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרײַן, און אין גאַנצן פאַרגעסן אַז אין אַ מושב־זקנים זיצט די מאַמע אײנע אַלײן, אַן אײנזאַמע און עלנטע.

איין מאָל, אין אַן ערב־פּסח, האָט זיך די מאַמע געבעטן, געוויינט מיט הייסע טרערן:

— קינדערלעך, נעמט מיך צו זיך צום סדר. איך קאָן נישט זיצן מיט פרעמדע מענטשן ביי אַ ווילדפרעמדן טיש. אפשר איז דאָס מיין לעצטער סדר...

אָבער די קינדער זענען פון דער מאַמעס רייד נישט ווייכער געוואָרן. יעדעס קינד האָט פאַר זיך געפונען אַ תירוץ, אַ „רעכט־פערטיקונג" פאַרוואָס ער קען נישט נעמען די מאַמען צום סדר.

איז די מאַמע געבליבן פסח אין מושב זקנים ליגן אַ קראַנקע אין בעט. אַ מידע פון וויינען, און פון ווייטיק, איז זי איינגעדרימלט. פּלוצלונג האָט זי זיך געפונען אין איר רייכער היים, זיצנדיק ביים סדר, אַרומגערינגלט פון אַלע קינדער, זי איז אַ שטראַלנדיקע מאַיעסטעטיש געזעסן נעבן איר „מלך" אין ווייסן קיטל. די שטוב באָדט זיך אין אַ ים ליכט. און אָט גייט דער ייִנגסטער זון עפענען די טיר פאַר אליהו הנביא. אַ שוידער פון יראת־הכבוד נעמט אַלעמען אַרום. דער „מלך" נעמט דעם גרויסן הייליקן גאַסט אויף מיט אַ „ברוך הבא" און הייבט אָן מיט אַ טיפער קלינגענדיקער שטימע זאָגן דעם „שפוך חמתך".

זי זעט דאָס הייליקע פּנים פון דעם צעשטראַלטן אליהו הנביא. און — עס דאַכט זיך איר: אליהו הנביא שמייכלט צו איר אַזוי פאָטערלעך, אַזוי ליבלעך, אַז טרערן קומען איר אין די אויגן. ער גייט לאַנגזאַם צו צו איר, גלעט איר דעם שטערן, ווישט איר אויס די טרערן פון די אויגן און רעדט צו איר אַזוי האַרציק־פאָטערלעך: וויין נישט, מיין טאָכטער, נישט כדאי צו וויינען. דיין האַרץ, זע איך, איז אָנגעוויטיקט, און מיד ביסטו, דו מוזסט שלאָפן, טאָ שלאָף־איין, שלאָף־איין, מיין קינד.

און ער מאַכט איר די אויגן צו — — —

* * *

צו דער לוויה זענען אַלע קינדער געקומען. די טעכטער און די שנורן, אָנגעטאָן אין נייע שוואַרצע טרויער־קליידער. אַלע — די זין און די טעכטער, די שנורן און די איידעמס — האָבן אַרומגערינגלט דעם שוואַרצן אָרון און פאַרגאָסן הייסע טרערן...

WITHDRAWN FOR USE IN CITY AND
WELFARE INSTITUTIONS ONLY.
NOT TO BE BOUGHT OR SOLD.